STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01281

# DOS YIDISHE EKONOMISHE LEBN IN DER YIDISHE LITERATUR

Jacob Lestschinsky

*Permanent preservation of this book was made possible by The Maxine & Jack Zarrow Foundation*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעשצינסקי

# דאס יידישע עקאנאמישע לעבן אין דער יידישער ליטעראטור

ערשטע העפט

(ריב״ל און אקסנפעלד)

פֿארלאג „קולטור-ליגע“, ווארשע

איִבערדרוקן פֿאַרבאָטן, געדרוקט איִן 2000 עקז.
געזעצט בּאַ בּרוק איִן בּיִר, וואַרשע, קאַרמעליִצקע 4.
געדר. איִן דרוק. „דיִ וועלט“ וואַרשע, נאָוואָליִפּיע 7.

# Życie ekonomiczne Żydów w literaturze żydowskiej.

Drukarnia „DI WELT“, Warszawa, Nowolipie 7.

# הקדמה

דאָס פאָרגעלייגטע בוך פּרעטענדירט נישט אויף אויסשעפּן די בעלעטריסטיק פון אַלע ליטעראַטורן, אין וועלכער ס'איז פאַראַן מאַטעריאַל וועגן יידישן עקאָנאָמישן לעבן. דער מחבר האָט זיך געשטעלט אַ סך אַ באַשיידענערן ציל: געבן אַ בילד פון דער אַנטוויקלונג פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין 19-טן יאָרהונדערט אויפן גרונט פון דער יידישער בעלעטריסטיק, אויפן יסוד פון דער בעלעטריסטיק אין דער יידישער שפּראַך. ס'וואָלט אודאי און אודאי געווען זייער אינטערעסאַנט אויסנוצן די העברעיִשע ליטעראַטור און אפילו צוציען די ליטעראַטורן אין רוסיש און אין פּויליש — מיר וואָלטן דאָרטן געפונען נישט ווייניק אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע בילדער פון יידישן עקאָנאָמישן לעבנס-שטייגער. אויף דערויף איז אָבער דאָ אַן אַלטער תירוץ: „לא עליך המלאכה לגמור“.

נאָר אפילו די יידישע בעלעטריסטיק האָבן מיר נישט געפונען פאַר נויטיק אויסצושעפּן אין גאַנצן, דאָס הייסט אַלע מחברים און אַלע זייערע ווערק. מיר שרייבן נישט די געשיכטע פון דער יידישער שיינער ליטעראַטור, נאָר די געשיכטע פון דער יידישער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג; דער צענטר פון אונזער אַרבעט באַשטייט נישט אין דער ליטעראַטור, נאָר אין די פאָרגעקומענע סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּראָצעסן און שנוים, עוואָלוציעס און באַנייונגען. און דעריבער קלייבן מיר אויס נאָר די מחברים, וואָס גיבן דעם בעסטן שטאָף צו אילוסטרירן די דאָזיקע פּראָצעסן און שנוים; מיר קלייבן אויס אפילו ביי די

דאָזיקע מחברים נאָר די ווערק, וואָס גיבן דעם זאַפּטיקסטן מאַטעריאַל צו באַלייכטן די דאָזיקע עוואָלוציעס און באַוועגונגען.

צוליב דעם אַלעם איז שוין גאַנץ נאַטירלעך, וואָס מיר פֿאַרנעמען זיך לחלוטין נישט מיט אָפּשאַצן דעם קינסטלערישן באַטרעף פֿון דעם אָדער יענעם מחבר, וואָס מיר שטעלן זיך אַבסאָלוט נישט אָפּ אויף דער קינסטלערישער זייט פֿון די באַטראַכטע ווערק. מיר גייען דאָך צו צו דער זאַך גאָר פֿון אַן אַנדער זייט — מיר זוכן ביי יעדן מחבר און אין יעדן ווערק עקאָנאָמישן לעבנס-שטייגער, עקאָנאָמישן „ביט". דעם דאָזיקן עקאָנאָמישן לעבנס-שטייגער פּרוּוון מיר, צי ער אַנטשפּרעכט דערווירקלעכקייט, צי ווערט ער נישט אָפּגעלייקנט פֿון אַנדערע ידיעות, וואָס מיר פֿאַרמאָגן וועגן יידישן עקאָנאָמישן לעבן פֿון אַנדערע קוועלן. יעדעס בילד אינטערעסירט אונז נאָר פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. צי איז אָבער דאָס בילד גופא גענוג קינסטלעריש; צי קאָן עס ביישטיין די קריטיק פֿון ריינער קונסט — דאָס אַלץ פֿאַרנעמט אונז אין געגעבענעם פֿאַל נישט.

אמת, ס'קומט ממילא אזוי אויס, אז די טאַלאַנטפֿולסטע שרייבער גיבן אין זייערע בעסערע ווערק דעם אינטערעסאַנטסטן און רייכסטן, פֿילפֿאַרביקסטן און זאַפּטיקסטן שטאָף אויך פֿאַרן עקאָנאָמישן לעבנס-שטייגער. טאַלאַנטפֿולסטע שרייבער; בעסערע ווערק — דאָס זיינען אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, רעלאַטיווע געשיכטלעכע באַגריפֿן.

דאָס גאַנצע בוך וועט באַשטיין פֿון אומגעפֿער אַכט העפֿטן צו 1½ 2 אָדער 3 בויגן אין יעדן העפֿט. און יעדער העפֿט וועט פֿאַרמאָגן אַ זעלבשטענדיקן פֿאַרענדיקטן אינהאַלט.

צום סוף פֿון יעדן העפֿט גיבן מיר צו אַ גאַנץ גרויסע ביילאַגע פֿון ציטאַטן פֿון די מחברים, וואס וועגן זייערע ווערק רעדט זיך אין טעקסט פֿון געגעבענעם העפֿט. מיר רעכענען, אַז אונזער בוך, וואָס פֿאַרמאָגט אזוי פֿיל מאַטעריאַל וועגן יידישן עקאָנאָמישן לעבנס-שטייגער, וועט געוויס דינען פֿאַר אַ האַנט-בוך פֿאַר לערער פֿון פֿאָלקס-אוניווערסיטעטן, אָוונט-קורסן, העכערע קלאַסן פֿון שולן וכדומה. ס'וועט געוויס אויך זיין אַ נוצלעך

בוך פֿאַר די, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט זעלבסטבילדונג. צוליב דעם איז וויכטיק, אַז דער מאַטעריאַל, וואָס באַווייזט און דערווייזט אַלץ, וואָס אין טעקסט פֿון בוך שטייט געשריבן, זאָל זיין אויסגעשטעלט און גלייך אונטערן האַנט, מען זאָל פֿאַרשפּאָרן אים זוכן אין די ווערק פֿון די באַהאַנדלטע מחברים.

איז דער לייענער גענוג באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור, וועלן אים די דאָזיקע ציטאַטן העלפֿן קאָנצענטרירן זיין געדאַנק און זיין אויפֿמערקזאַמקייט אויף די ערטער, וואָס מאָלן און באַלייכטן דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן; איז ער נישט אַזוי שטאַרק באַהבנט אין דער יידישער ליטעראַטור, דאַרף ער דאָך די דאָזיקע ביילאַגע אַודאי און אַודאי נויטיק האָבן.

מיר האָבן אייניקע ציטאַטן פֿון אַקסענפֿעלדן געבראַכט מיט דער אָרטאָגראַפֿיע, ווי זיי זיינען געווען אַמאָל אָפּגעדרוקט. אַקסענפֿעלדס ווערק זיינען אַ ביבליאָגראַפֿישער יקר המציאות. אַקסענפֿעלדס ווערק האָבן געלייענט ביי אונז טאַקע נאָר געציילטע מענטשן, יחידי סגולה. מיר האָבן דעריבער געהאַלטן פֿאַר נויטיק, ווייזן דעם לייענער אקסענפֿעלדס אָרטאָגראַפֿיע. ער וועט פֿון דעם זען, ראשית, ווי ווייט די שפּראַך איז אַוועק פֿאָרויס פֿון יענער צייט אָן, ער וועט אָבער אויך זען, אַז אין אַ סך פּרטים האָבן מיר זיך די לעצטע צייט, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן שרייבן אַזוי ווי מען רעדט, זיך אייגנטלעך נאָר אומגעקערט צו אקסענפֿעלדן.

בערלין, אָקטאָבער 1921

# סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער אריינפיר

I

ווען צוויי סאָציאַלע גרופּעס, פעלקער, שטאַנדן אָדער קלאַסן, מיט אַ פאַרשיידענער לאַנגיאָריקער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, פאַלן אַריין אין איינע און די זעלבע לעבנס-תנאים, מוזן ביז אַ געוויסן פעריאָד די רעזולטאַטן זיין פאַרשיידענע. דער מיטגעבראַכטער פון יעדער גרופּע באַגאַזש, פיזישער און פסיכישער; דער סכום ענערגיע, וואָס יעדע פון זיי קאָן אַרויסווייזן ביים צופּאַסן זיך צו די נייע לעבנס-תנאים און ביים צופּאַסן די לעצטע צו די אייגענע באַדערפענישן און פאָדערונגען; די מיטגעבראַכטע טעאָרעטישע און פראַקטישע ידיעות, ערפאַרונגען, קענטענישן און געניטקייטן — אָט דאָס אַלץ, דער רעזולטאַט פון געוויסע פיזישע און סאָציאַלע סיבות, ווערט אַליין אַ פאַקטאָר אין לעבן, וואָס ווירקט אויף דעם גורל פון זייער צוקונפט.

די דאָזיקע ווירקונג איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין אייביקע. אַלץ אין לעבן פליסט, שווימט און האַלט אין איין ענדערן זיך — אין די נייע לעבנס-תנאים קאָן דער אָנגעזאַמלטער באַגאַזש באַקומען נייע מעגלעכקייטן אויף ס'ניי זיך פאַנאַנדערצובליען און פאַנאַנדערצוואַקסן; און מ'קאָן טרעפן אויך דער היפוך — אין די נייע לעבנס באַדינגונגען זאָל די גאַנצע אָנגעקליבענע ירושה זיך אָנשטויסן אין אַזעלכע אבן נגפס, אז זי זאָל מוזן ביסלעכווייז אָפּשטאַרבן, אונטערגיין און סוף כל סוף אינגאַנצן פאַרשווינדן.

אַ בולטן משל צו דעם נאָר וואָס געזאָגטן גיט אונז אַמעריקע. ס׳פאַלן אַריין אין גלייכע לעבנס=תנאים צענדליקער פעלקער. דעם אויבנויפיקן צוקוקער קאָן זיך אויסווייזן, אַז דער ים שלינגט איין אויפן וועג אין זיינע טיפע תהומען די גאַנצע ירושה פון די דאָזיקע פאַרשיידנסטע נאַציעס און פעלקער.

דער דלות, וואָס טרייבט זיי אַלע פון דער אַלטער היים, גלייכט אויס זייער טאָג=גורל, און פילע ווייזט זיך אויס, אַז דער דאָזיקער דלות גלייכט אויך אויס זייער צוקונפט=גורל. קריכן זיי אָבער נאָר אַראָפּ פון שיף און שטעלן אַוועק זייערע אויסגעמאַטערטע פיס אויף דער אַמעריקאַנער יבשה, באַקומט איבער זיי אַ געוואַלדיקן כח די מיטגעבראַכטע ירושה, שטייט אויף תחית=המתים די כלומרשט שוין געשטאָרבענע פאַרגאַנגענהייט. דאָס מיטגעבראַכטע פעקל ירושה פון דער אַלטער היים ווערט אַ לעבעדיקער פאַקטאָר, וואָס באַשטימט נישט נאָר דעם באַלדיקן מאָרגן=גורל פונם אָנגעקומענעם עמיגראַנט, נאָר אויך דעם גורל פון אַ געוויסער צאָל שפּעטערדיקע דורות זיינע. אַזוי זעען מיר למשל, אַז די פולע אָנגעקומענע קיין אַמעריקע פעלקער צעגייען זיך אין פאַרשיידענע וועגן און שליאַכן — איין פאָלק שיקט זיין גרעסטע צאָל עמיגראַנטן אין די קוילן=גרובן; דאָס צווייטע — אין די גרויסע פאַבריקן; דאָס דריטע — אין די שוויץ=וואַרשטאַטן, און דאָס פערטע אויפן לאַנד צו באַאַרבעטן די ערד. אין די ראַמען פון יעדן פאָלק איז, פאַרשטייט זיך, פאַרשיידן דער גורל פון יעדן קלאַס. דער ייד מיט אַ ביסל געלט עפנט אַ „שאָפּ“ און ווערט אַ „באָס“; דער ייד אָן אַ גראָשן געלט גייט אין „שאָפּ“ אַריין שוויצן. דער איטאַליענער מיט קאַפּיטאַל קויפט גרויסע שטרעקעס ערד אין אַרגענטינע און ווערט אַ גוט=באַזיצער; דער איטאַליענער דער קבצן נעמט ערד אין אַרענדע און האָרעוועט מיט ביטערן שוויס פאַרן שטיקל ברויט א. א. וו.

וואָס=זשע ווילן מיר אויסדרינגען פון דעם נאָר וואָס אַרויסגעזאָגטן?

מיר מיינען, אַז דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט אַ סך הונדערטער יאָרן זיך פאַרנומען אין זיין גרעסטן טייל מיט האַנדל

און וואַנדל מיט פאַרמיטלעריי און מעקלעריי, האָט געמוזט ברענגען מיט זיך צום 19־טן יאָרהונדערט — צום קאַפּיטאַליסטישן יאָרהונ־דערט — אַזאַ אייגנאַרטיקן באַגאַזש, אַזאַ באַזונדערע פיזיש־פסיכאָלאָגישע ירושה, וועלכע האָט געמוזט שפּילן גאָר אַ באַזונ־דערע ראָל אין זיין לעבן.

דער קאַפּיטאַליזם האָט אַרויסגעשטעלט פאַרן יידישן פאָלק צוויי עקאָנאָמישע גרונט־פאָדערונגען: מאָדערניזירן די יידישע פ אַ ר מ י ־ ט ל ע ר י י אָדער אין גאַנצן ג ו ב ר ז י י ן די דאָזיקע פאַרמיטלעריי־ פאַר איין טייל — פאַרן קלענערן טייל — פון דער יידישער באַ־פעלקערונג האָט דער קאַפּיטאַליזם אַוועקגעשטעלט די אויפגאַבע פון פאַרברייטערן און פאַרגרעסערן די פונקציעס, וואָס לויטן עצם זיינען זיי געבליבן די אייגענע, וואָס ביזן 19־טן יאָרהונ־דערט. נישט קליין־שטעטלדיקע מעקלעריי; נישט קיין מלוה פאַרן אָרטיקן פּריץ; נישט קיין קליין־שטעטלדיקער האַנדל און נישט קיין אָרטיקע באַגרענעצטע עקאָנאָמישע פאַנטאַזיעס און אילוזיעס — אויף זייער אָרט האָט באַדאַרפט קומען די קאָמיסיאָ־נע קאַנטאָר, דער באַנקיר, דער אַקציען־סוחר, דער גרויסער הענדלער און אונטערנעמער און דער גרויס־שטאָטיקער מנחם מענדל מיט פּאַפּירן, וועלדער און מאַיאָנטקעס. דאָס איז דאָך אָבער אין תוך אַריין געווען דער המשך פון דער גאַנצער יידי־שער גלות־געשיכטע — פ אַ ר מ י ט ל ע ר י י. אַ סך האַרבער, שווערער און קאָמפּליצירטער איז געווען די צווייטע אויפגאַבע, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט פאַרגיבן דעם ג ר ע ס ט ן טייל פון, יידישן פאָלק — גובר זיין אין זיך די פאַרמיטלעריי־פּסיכאָלאָגיע! געזעגענען זיך מיט די הו־האַ־פּרנסות, אַוועקוואַרפן די לופט־השגות און לופט־הכנסות און גאָר איבערגיין צו פיזישער אַרבעט.

אינם ערשטן פאַל איז די ירושה געוואָרן אַ שטיק־פונקט פאַרן ערפאָלג אין קאַמף אויפן אונטערנעמער־און הענדלער־מאַרק; אין צווייטן פאַל, פאַרקערט, איז די ירושה געוואָרן אַן אבן נגף אינם קאַמף אויפן אַרבעט־מאַרק. די רייכע פאַרמיטלעריי־ירושה האָט געמאַכט אַפילו דעם מאָדערנעם יידישן סוחר אָדער אונטער־נעמער אַ סך צ ע ש װ ו ו מ ע נ ע ר ווי באַ אַלע אַנדערע פעל־

קער, דער יידישער סוחר אָדער אונטערנעמער איז נישט אַזוי צוגעבונדן צו אַ באַשטימטן צווייג פון געשעפט; ער האַלט נישט פון ספּעציאַליזירן זיך און באַגרענעצן זיך; ער גייט גרינג איבער פון איין געשעפט צום צווייטן און אויך צום דריטן, זאָל עס זיין צַפילו גאָר פון אַ פרעמדער פאַר אים קאַטעגאָריע; ער מאַכט איינצייטיק פאַרשיידענע און אַלערליי געשעפטן און מסחרים. די רייכע פאַרמיטלעריי-ירושה האָט אָבער נאָך גורם געווען אין דעם, אַז כמעט אַ ל ע קלאַסן פון יידישן פאָלק פאַרמאָגן אַ גרויסע אינערציע פון מסחר-געוווינהייטן, און מיט וואָס זיי זאָלן זיך נישט פאַרנעמען, טראָגן זיי אַריין אַהין דעם מסחר-גייסט. ס'איז זיי אויך נישט שווער אָפט גאָר אינגאַנצן פאַרבייטן די פרייע פּראָפעסיע אָדער די מלאכה אויף אַ מסחר-אונטערנעמונג.

די רייכע פאַרמיטלעריי-ירושה האָט אונז געבענטשט מיט אַ גאַנץ גרויסן ה ו י ק ע ר אייגנשאַפטן, פון וועלכע ס'איז נישט גרינג פּטור צו ווערן. אויף אייניקע ערשיינונגען, וואָס באַלייכטן די דאָזיקע אייגנשאַפטן, וועלן מיר אין קורצן אָנווייזן.

ביי אונז איז גרינג צו באַמערקן, אַז אין יעדן שטאַנד קומט פאָר אַ שטענדיק אַרומשווימען צווישן עקספּלואַטאַטאָר און עקספּלואַטירטן: נאָך עד היום זיינען נישט זעלטן די פאַלן, ווען זעלבשטענדיקע קרעמער ווערן משרתים און, פאַרקערט, ווען משרתים ווערן זעלבשטענדיקע בעלי-בתים; דאָס אייגענע אין דער האַנטווערקעריי: בעלי-בתים פון וואַרשטאַטן ווערן אַרבעטער, און אַרבעטער ווערן גענוג אָפט בעלי-בתים פון וואַרשטאַטן. און אַפילו אין אַמעריקע זיינען די דאָזיקע פאַלן נישט זעלטן. אָט וואָס ס'איז געווען געשריבן אין דער אַמעריקאַנער „צוקונפט“ אין 1910-טן יאָר, באַלד נאָכן גרויסן שטרייק פון די יידישע שניידער: „אין די יידישע טריידס (פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען) קומט יעדע דריי יאָר אַריין אַ נייער עלעמענט, און די אַלטע ווערן פעדלערס אָדער בעלי-בתים פון וואַרשטאַטן“. אין דעם זעלבן ביכל שרייבט י. ב. סאַלוצקי, אַ גאַנץ גוטער קענער פון יידישן אַמעריקאַנישן לעבן: „דער יידישער אַרבעטער איז אַ נ ע כ ט י-

קער קרעמער און אַ מאָרגנדיקער פּעדלער. דער יידישער סוחר איז אַ נעכטיקער בעל־מלאכה און אַ מאָרגנדיקער סאָציאַלער מיש מאַש, נישט קיין געשעפט־מענטש און נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער מענטש" (אונטערגעשטריכן פון מיר י. ל.)

מיר זעען, אַז אַפילו אין אַמעריקע, ווו די מאָדערניזירונג פונם יידישן לעבן גייט אַ סך גיכער, ווי אין אייראָפּע, ווו דאָס אויסקריסטאַליזירן פון באַשטימטע יידישע סאָציאַלע קלאַסן האָט געמאַכט אַ געוואַלדיק גרויסן שריט פאָרויס — אַפילו דאָרטן קומט נאָך אַלץ פאָר דאָס אַריבערשווימען פון קלאַס צו קלאַס און דאָס אַרומשווימען צווישן שטאַנדן און קלאַסן.

נעמען מיר די יידישע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, איז גרינג איינצוזען, אַז אַ גרויסער פּראָצענט פון איר מסחרט און מאַכט געשעפט אָדער אין דער אייגענער בראַנזשע, אָדער גאָר אין אַ פרעמדער. אינזשענערן־קאָמיוואָיאַזשאָרן, מעדיקער־שניט־קרעמער, אַדוואָקאַטן־מעקלערס און פילאָזאָפן־פאַבריקאַנטן זיינען ביי אונז גאָר נישט קיין אויסגענומענע ערשיינונגען.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע נאָר וואָס אויסגערעכנטע ערשיינונגען טרעפן זיך אויך ביי אַנדערע פעלקער, נאָר דאָרטן טרעפן זיי, און ביי אונז זיינען זיי טאָג־טעגלעכע טיפּישע פאַקטן.

די רייכע פאַרמיטלעריי־ירושה האָט אונז געבראַכט נאָך אַ ברכה — אַ ייד אָדער ער האָט איינצייטיק עטלעכע געשעפטן, אָדער ער מאַכט דורך אין זיין לעבן כאָטש אַ צענדליק עקאָנאָמישע גלגולים. דאָס קלינגט גענוג משונה — עקאָנאָמישע גלגולים, — ביי אונז איז דאָס אָבער אַ טיפּישע ערשיינונג.

דער גבור פון „קליין מענטשעלע" ביי מענדעלען מאַכט דורך סך הכל פאָלגנדיקע גלגולים: אַ משרת אין אַ צעלניק־קלייט, אַ גיסער ביי מצות, אַ באַהעלפער אין אַ חדר, אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ משורר, אַ „יונגעל" ביי אַ שרייבער, אַ משרת ביי אַ דאָקטאָר, און צום סוף אַ משרת ביי איסער דעם

וואַרגער — און דאָס איז ערשט געווען אַ הקדמה צום לעבן! לינעצקיס מלמד האָט געהאַט, חוץ מלמדות, פאָלגנדיקע פּרנסות: ניסן פלעגט ער אַרומטראָגן מצה־שמורה, אלול פלעגט ער לייענען מצבות אויפן הייליקן אָרט, סוכּות איז ער אַרומגעגאַנגען מיטן אתרוג איבער די הייזער, הושענה־רבא איז ער געווען דער הורט־סוחר פון ווערבעס אויף הושענות, דערצו האָט ער נאָך צוגעשדכנט און געזאָגט קדיש פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געלאָזט קיין זין, און האָט נאָך פאַרקויפט שמעק־טאַבעקע. לינעצקי שאַרזשירט און רעכנט אויס אַלץ כּלי־קודשדיקע פּרנסות. נאָר שטעלט מען אַוועק אויפן אָרט פון הושענות, אתרוגים און מצה־שמורה מנחם־מענדלס פּאַפּירלעך, וועלדער און מאַיאָנטקעס, און מיר באַקומען אַ מאָדערנעם יידישן מעקלער, וואָס מיר פאַרמאָגן זיי אין די טויזנטער און אפשר אין די צענדליקער טויזנטער.

שלום עליכמס סנדר בלאַנק איז אַ היינט־וועלטיקער יידישער סוחר און ער מאַכט דורך פאָלגנדיקע גלגולים: באַלד נאָך דער חתונה ווערט ער אַ חלפן, נאָכדעם אַ פּראָצענטניק, אַ פעלהענדלער, אַ גראַבאַרטשיק, אַ צעלניקער, אַ קאָמיסיאָנער, אַ סוחר, אַ צוקער־הענדלער און צום סוף אַ באַנקירער.

טשעמבערלען דערציילט אין זיין באַקאַנט בוך: „די גרונטלאַגן פונם ניינצענטן יאָרהונדערט״, אַז ער האָט געקענט אַ יידישן ג ע ל ע ר נ ט ן, וועלכער איז אין די מיטעלע יאָרן געוואָרן אַ ז יי ף־פ אַ ב ר י ק אַ נ ט און מיט גרויס ערפאָלג. שפּעטער אָבער איז דאָס געשעפט געפאַלן, און דער געלערנטער זייף־פאַבריקאַנט איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ ד ר אַ מ אַ ט ו ר ג א ו ן ב ע ל ע ט ר י ס ט.

פ י ל מלאכות און פ י ל פּרנסות איז נישט קיין ספּעציפישע אייגנשאַפט פון אונזער קליינבירגערטום. אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס איז דאָס די קללה פון אַלע קלאַסן, חוץ אפשר דעם אַרבעטער־קלאַס. ווער, אַ שטייגער, ווייסט נישט אַ באַקאַנטן ציוניסטישן טוער, וועלכער איז אַ סקולפּטאָר, אַ דראַמאטורג, אַ סטאַטיסטיקער, אַ סאָציאַל־עקאָנאָם, אַן אויטאָריטעט

אין דער אַגראַר־פּראַגע און אַ גאַנץ טיכטיקער זשורנאַליסט. די מלחמה און די ספּעקולאַציע, וואָס איז געקומען נאָך איר, האָבן דאָך אונז באַוויזן, ווי גרינג אונזערע סטודענטן און אַפילו אונזערע קורסיסטקעס גייען אַרויס אויף דער בערזע און ווי גוט זיי פילן זיך דאָרט: אַ היימישע סביבה, אַ נאָנטע פּסיכאָלאָגיע. כאַראַקטעריסטיש איז געווען דאָס, וואָס דער סטודענט דער ספּעקולאַנט פלעגט נישט פאַרוואַרפן די למודים, נאָר ער פלעגט א יי נ צ יי ט י ק אי אָפּגעבן עקזאַמענס אי מאַכן געשעפט אויף דער בערזע. און האָבן דען בשעת דער ספּעקולאַציע־מגפה נישט געהאַנדלט כמעט אַלע אונזערע רבנים, שוחטים, חזנים און די איבעריקע כלי־קודש מיט באַוועלעך, קאַטושקעס, מאַכאָרקע און צענדליקער אַנדערע מינים סחורות? און נישט ביי דער אינטעליגענץ און נישט ביי די כלי־קודש האָט זיך נישט געפילט יענער פּסיכאָלאָגישער ריס, וואָס פאַרוואַנדלט אַזאַ לאַגע אין אַ ט ר אַ ג ע ד י ע. פון דעם, ווי די יידישע וועלט האָט די דאָזיקע ממש ווי ל ד ע ערשיינונג אויפגענומען, איז גרינג צו פאַרשטיין, אַז זי איז גאָרנישט געווען איבעראַשט, נישט צו שטאַרק פאַרוואונדערט פון דעם, וואָס דער רב האָט אין טלית־זעקל געטראָגן אין בית־המדרש אַריין מוסטערן פון באַוועלעך (אַ פאַקט, וואָס איך האָב אַליין געזען מיט מיינע אויגן!) אָדער פון דעם, וואָס דער סטודענט איז פון „סעמאַדעניין"*) געלאָפן אין אוניווערסיטעט הערן אַ לעקציע וועגן מאָראַל און רעכט.

דאָס האַרמאָנירט, ווייזט אויס, מיטן שטייגער פון יידישן לעבן און מאַכט נישט קיין רושם פון אַ געוואַלדיקן אויסנאַם, ווי דאָס וואָלט געווען באַ אַנדערע פעלקער.

פאַרן לעצטן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען אַ געוואַלדיקע גרויסע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן.

די אַמאָליקע איינהייטלעכע כנסת ישראל איז זיך צעפאַלן. פון אויבן זיינען אויסגעוואַקסן: די גרויס־און מיטל־בורזשואַזיע און די פראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, ווי אינזשענערן, יוריסטן,

---

*) אַ קאַפע, ווו די קיעווער ספּעקולאַנטן פלעגן זיך פאַרזאַמלען.

דאָקטוירים וכדומה; פון אונטן: דער פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט, דער האַנטווערקער־אַרבעטער און די פאָלקס־אינטעליגענץ, ווי יידישע לערער, יידישע שרייבער, יידישע קינסטלער און מוזיקער א. א. וו. אין מיטן ליגט אַ גרויסער געדיכטער קליינבירגערלעכער שיכט, נאָך עד היום דער טרייער טרעגער פון דער ריין יידישער מעקלעריי־ירושה, די שרייענדיקסטע סתירה צו דער גאַנצער ארומיקער מאָדערנער וועלט, די סתירה, וואָס זאָגט עדות, אַז מענדעלעס יאַריד־עדה איז נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, נאָר אַ שטיק יידיש לעבן.

ס'האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט און אויסגעבילדעט באַשטימטע סאָציאַלע קלאַסן: בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע קלאַסן, אויף אַזוי פיל עקאָנאָמיש פאַרענדיקטע, אַז זיי פאַרמאָגן שוין גאָר אין אַ גרויסער מאָס זייערע באַזונדערע אייגענע אידעאָלאָגיעס, סאָציאַלע, פּאָליטישע און קולטורעלע, גאַנץ באַשטימטע, פעסט אויסגעגאָסענע און פאָרמולירטע.

ס'פעלן אָבער נישט אין יידישן לעבן פעריאָדן און סיטואַציעס, ווען דער געדיכטער קליינבירגערלעכער שיכט פאַרפלייצט מיט זיין אָנגעזאַמלטער, מיט נאַציאָנאַלער ירושה און טראַדיציע אָנגעזאַפּטער, פּסיכאָלאָגיע ביידע פּאָלוסן פון יידישן לעבן און פאַרווישט און מאַכט מטושטש זייערע קלאַסן־אידעאָלאָגיעס.

דער דאָזיקער געדיכטער שיכט פון קליינבירגערטום, פון ספּעציפיש יידישן קליינבירגערטום, ווי קליינשטעטלדיקע קרעמעריי און מעקלעריי, לופטמענטשעלעך, כּלי־קודש און בכלל רעשטלעך און אָפּשניצלעך פון דער אַמאָליקער כּנסת־ישראל — אָט דער דאָזיקער שיכט שפּילט נישט קיין אַקטיווע ראָל אין יידישן פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן. ער איז אין דעם פּרט מער אָביעקט, ווי סוביעקט. ער פאַרנעמט אָבער אַזאַ ברייטן פּלאַץ אין יידישן לעבן, אַז ער גראָבט זיך טיף אַריין מיט זיינע עקן הן אין די בירגערלעכע און הן אין די פּראָלעטאַרישע קלאַסן און ווירקט אויף זיי סטיכעיש. אַנדערש גערעדט: די ביידע פּאָלוסן פון יידישן לעבן באַקומען אַזאַ שטאַרקע יניקה פון דעם

קליינבירגערלעכן שיכט; זיי ווערן אויף אַזוי פיל פאַרפלייצט, אין אמתן טייטש פון וואָרט, פון עלעמענטן, וואָס קומען פון דער דאָזיקער טראַדיציאָנעלער גרופּע, אַז אין זיי אַליין וואַכט צוליב דעם גרינג אויף די ירושה־פּסיכאָלאָגיע, און זי באַקומט די אויבער־האַנט איבער די יונגע און שוואַכע קוים אַרויסגעשפּראָצטע וואָרצלען פון דער נייער מאָדערנער קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע.

דער פּראָצעס אַליין פון גובר זיין אין זיך די הונדערטיאָריקע קליינבירגערלעכע ירושה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ שווערן, קרענקלעכן און שמערצלעכן. פאַר דעם אַרבעטערקלאַס און פאַר דער אינטעליגענץ, וואָס לויטן מהות פון זייערע פּראָפּעסיעס זיינען זיי אַן אַבסאָלוטע סתירה צו דער יידישער טראַדיציאָנעלער פּאַרמיטלעריי־פּסיכאָלאָגיע, אָט פאַר די דאָזיקע קלאַסן האָט זיך דער דאָזיקער פּראָצעס אַרויסגעוויזן פאַר באַזונדערס שמערצלעך און ווייטאָקדיק.

דער פּראָצעס איז אַ שווערער און קרענקלעכער, נאָר דאָך גייט ער געענוג גיך און אינטענסיוו, און די נייע סאָציאַלע גרופּירונגען, די נייע אויסגעקריסטאַליזירטע קלאַסן האָבן שוין זייערע באַשטימטע פּנימער און גענוג אויסגעשפּראָכענע נשמות און גחות.

II

## דריי תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור

די רייכע פאַרמיטלערײַ-ירושה; דער פראָצעס פונם גוברזיין די דאָזיקע ירושה; די נייע קלאַסן-גרופּירונגען — אָט דאָס איז דער שטאָף, דער מאַטעריאַל, וועלכער האָט געשאַפן דעם אינהאַלט פון דער יידישער ליטעראַטור פון אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט ביז היינטיקן טאָג.

די רייכע פאַרמיטלערײַ-ירושה: די אַמאָליקע איינהייטלעכע כנסת ישראל; די נאַציאָנאַלע מעקלער-פּסיכאָלאָגיע; די פעיקייט צו אַ סך פרנסות און מלאכות; דאָס הענגען פון אַ סך מענטשן איבער איין פרנסה; דער יאַריד און דער הו-האַ, ווי דער געוויינלעכער שטייגער פון יידישן לעבן און דער סטיל פון דער יידישער נשמה—אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון דער ליטעראַטור, וואָס פירט אונטער דעם סך-הכל אונזער פאַרגאַנגענהייט (אַקסענפעלד, ריב"ל, דיק, לינעצקי און באַזונדערס און דער עיקר מענדעלע).

די חבלי לידה פון דער מאָדערנער יידישער נאַציע: דאָס צעפאַלן פון דער אַלטער היילִיקער מעקלער-עדה; דאָס אַרומשווימען צווישן קלאַסן און שטאַנדן; די נאָכווייענישן און דער הויקער פון דער פאַרמיטלערײַ-און יאַריד-ירושה; דאָס ווייטאָקדיקע אַרויסשפּראָצן פון נייע קלאַסן, ווי פּראָלעטאַריאַט, פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ און אינדוסטריעלע בורזשואַזיע; דאָס צופּאַסן זיך פון די אַלטע קלאַסן, פון דער האַנדלס-בורזשואַזיע און פון די בעלי-מלאכות צו די נייע קאַפּיטאַליסטישע

פּאָדערונגען ; דער תהום־יאוש פון די קליינבירגערלעכע לופט־מאַסן, וואָס מוזן בייטן דעם לעבנס־שטייגער ביזן סאַמע וואָרצל ; די צאַן קדשים פון דער אַמאָליקער כנסת ישראל אויפן וועג פון שטעטל אין שטאָט אַריין און פון קרעמל אין וואַרשטאַט אַריין — אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון דער ליטעראַטור פון דער איבערגאַנגס־עפּאָכע (פּרץ, שלום עליכם, רייזין, נאָמבערג, אַש, פּינסקי, בערגעלסאָן און אַנדערע).

דער דריטער פּעריאָד טרעפט שוין די מאָדערנע דיפערענצירטע יידישע נאַציע : נייע באַשטימטע אויסגעקריסטאַליזירטע קלאַסן, וואָס האָבן שוין אין אַ גרויסער מאָס גובר געווען אין זיך די אַלטע נאַציאָנאַלע מעקלער־פּסיכאָלאָגיע און האָבן באַקומען אַ מענטשלעכן פּנים, ווי דער יידישער פּראָלעטאַריאַט און די יידישע אינטעליגענץ ; די אַלטע יידישע קלאַסן, נאָר אויף אַזוי פיל מאָדערניזירטע און פאַרענדערטע, אַז זיי זיינען שוין מער ענלעך אין זייער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע צו זייערע קלאַסן־חברים פון אַנדערע פעלקער, ווי צו זייערע אייגענע טאַטעס און זיידעס, — די יידישע גרויס־שטאָטיקע בורזשואַזיע ; דאָס אַריינוואַקסן אינם יידישן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם פון דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ, וועלכע איז אין ערשטן ווייטאָקדיקן פּעריאָד פון איר אויפקומען כמעט אַן אָפּגעריסענער אבר — אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון די ווערק פון די שרייבער פון דער לעצטער תקופה (בערגעלסאָן, ווייסענבערג, אַש, רייזין, מאָריס ראָזענפעלד א. א.).

מיר האָבן איינגעטיילט די גאַנצע צייט — פונם אויפקומען פון דער יידישער ליטעראַטור ביז די סאַמע לעצטע יאָרן — אין דריי תקופות, און פאַר יעדער תקופה האָבן מיר אָנגעגעבן אַ גרופּע כאַראַקטעריסטישע שרייבער. פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן נישט דורכפירן קיין שאַרף אָפּגעגרענעצטע ליניעס נישט צווישן די תקופות און נישט צווישן די שרייבער. איין תקופה רייכט זיך אַריין און פלעכט זיך איין אין דער צווייטער; נאָך שווערער איז די זאַך בנוגע צו די שרייבער — פולע פון זיי האָבן געגעבן בילדער פון אַלע תקופות ; אַלנפאַלס, אַפילו נישט וועגן איינעם

פון די אויסגערעכנטע שרייבער, חוץ, אפשר, די פֿאָרגענגער פון מענדעלען, קאָן מען נישט זאָגן, אַז ער געהער איינגאַנצן נאָר צו איין באַשטימטער תקופה. נעמט מען אָבער אין יעדער תקופה דאָס טיפּישע, דאָס שטייגערישע; נעמט מען ביי יעדן שרייבער דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר אים, דאָס, וואָס בילדעט זיין קינסטלערישן חוט-השדרה, דאָס, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן זיין „אידעע-פיקס", דעמאָלט איז נישט שווער צו אָפּטיילן איין תקופה פון דער צווייטער און ס'ווערט אויך מעגלעך די שרייבער איינטיילן לויט די תקופות.

נעמען מיר, למשל, אונזערע צוויי בעסטע שטייגער-שריי-בער, מענדעלע-מוכר-ספרים און שלום-עליכם.

ביי מענדעלען זיינען פאַראַן געבוג בילדער, וואָס מאָלן אונז אפילו ביי דער אָמאָליקער איינהייטלעכער כנסת ישראל פאַר-שיידענע קעגנזעצלעכע קלאַסן און גרופּעס; בילדער, וואָס ווייזן אפילו ביים דעמאָלטיקן הייליקן פאָלק ישראל טיפע סאָציאַלע און קולטורעלע תהומען צווישן פאַרשיידענע גרופּעס און קלאַסן, אָפּטע און שאַרפע קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן צווישן פאַרשיידענע טיילן פון פאָלק. מענדעלע מערקט אויך אָן די נייע עקאָנאָמישע פּראָצעסן, וואָס צעשניידן און צעשפּאַלטן די איינהייטלעכע כנסת ישראל און פירן זי צו אַ דיפערענצירטער מאָדערנער יידישער נאַציע. מענדעלע קערט אָפּט איבער דעם נאַציאָנאַלן אויבער-בגד פון דער הערשנדיקער יידישקייט און ווייזט איר קליינ-בירגערלעכן עקאָנאָמישן אונטערשלאַק און גיט דערביי גאַנץ קלאָרע און בולטע רמזים, אַז אויף נייע וואָרצלען — אַרבעט-וואָרצלען — וואַקסן גאָר אַנדערע ביימער מיט גאָר אַנדערע פּירות.

דאָס אַלץ טוט אָבער מענדעלע נאָר אגב אורחא און נאָר דרך אגב, אַמאָל לשם קאָנטראַסט צום הערשנדיקן קליינבירגער-לעכן זומפּ-נוסח און אַמאָל פון טיפן כעס און צאָרן אויף די שמאַטע-העלדן, מיט וועלכע אים קומט אויס אַזוי פיל צו באַב-רען זיך.

וואָרים דער קינסטלערישער חוט=השדרה פון מענדעלעס שאַפן באַשטייט אין דעם, וואָס ער דעקט אויף די טיפע אָפּגרונטן פון דער איינגעבאַקענער יידישער מעקלער=און יאַריד=פּסיכאָלאָגיע; ער דעקט אויף די פּילזייטיקע און פיל באַדייטנדיקע ווירקונג פון דער נאַציאָנאַלער טאָרבע און פונם נאַציאָנאַלן יאַריד אויף אַלע ווינקעלעך פונם יידישן לעבן. מענדעלעס קינסטלערישער וווּנדער=כח שטעקט אין דעם, וואָס ער באַלייכט ממש מיט אַ צויבער=שיין די היסטאָרישע סאָציאַל=עקאָנאָמישע סבות, וואָס האָבן געשאַפן די איינהייטלעכע כל=מקדש=עדה און חי=וקים=נאַציע מיט איר שטייענדיקן קליינבירגערלעכן זומפּ און מיט איר פאַרשימלטער שטינקענדיקער קליינשטעטלדיקער קאַלוזשע.

אָפּשטעלנדיק זיך דעריבער געננג אויספירלעך אויף די קלאַסן=קאָנפליקטן און דיפערענציאַציע=רמזים אין מענדעלעס ווערק, האָבן מיר געפונען פונדעסטוועגן פאַר מעגלעך דעם מאָמענטאַלן מענדעלען צורעכענען צו דער ערשטער תקופה — צו דער תקופה פון דער איינהייטלעכער כנסת ישראל.

און שלום=עליכם — ער גיט אונז אַ מאַסע בילדער פון דעם אייגענעם קליינבירגערלעכן זומפּ און פון דער זעלבער קליינשטעטלדיקער קאַלוזשע, וואָס מענדעלע מאָלט. ער ווייזט אונז אָבער דעם דאָזיקן זומפּ אין יענעם צושטאַנד, ווען אַלע זיינע ווידמעבישן זיינען שטאַרק אומרויִק, לויפן אַרום, ווייסן פון קיין רו נישט און זיינען שטאַרק צעטראָגן; ווען אייגנטלעך דער גאַנצער זומפּ איז שטאַרק צערודערט. ער ווייזט אונז די קאַלוזשע, ווען אירע שדים און רוחות קריכן אַרויס פון זייערע באַהאַלטענע לעכער, ווו זיי האָבן זיך פיל דורות זייער גוט געפילט, און דערזען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן די ליכטיקע שיין פון דער וועלט. זיי פּרוּוון, אמת, צוריק באַהאַלטן זייערע קעפּ אין די פאַרשטעקטע לעכער; זייערע אויגן טראָגן נישט איבער די שיין פון דער זון; זיי פּרוּוון אַפילו פאַרשעלטן די דאָזיקע שיין אָדער זי פאַרשפּאָטן. זיי זיינען אַלע אָבער שוין פאַרמשפּטע, פאַרורטיילטע. זייערע זומפּ=נשמות און קאַלוזשע=מוחות, וואָס האָבן

זיך אַזוי גליקלעך געפילט אַ סך דורות, געפונען מער קיין מנוחה
נישט; זייערע זומפ=השגות און קאַלושע=מחשבות, איינמאָל אַרויס
פון די אַרומגעצוימטע גרענעצן, קאָנען שוין נישט צוריק זיך
איינצוימען אין די אַלטע ראַמען.

און שלום=עליכם ווערט דער שרייבער פונם צעפאַלונגס=
פראָצעס פון דער יידישער קליינשטעטלדיקער קליינבירגער=
לעכקייט, פון דער איבערגאַנגס-תקופה, ווען די אַלטע יידישע
לעבנס=פאָרמען פאַרלירן זייער גאַנצקייט און דערמיט אויך זייער
חן, און די נייע לעבנס=פאָרמען האַלטן ערשט אין ווערן, האָבן
נאָך נישט קיין באַשטימטע צורות, קיין פאַרענדיקטע ליניעס. דער
קליינשטעטלדיקער קליינבירגער אין זיין פאַרצווייפלונגס=צושטאַנד
פונם אונטערגאַנג פון פרנסות, וואָס ער האָט געגלויבט אין זייער
אייביקייט און אויך אין זייער הייליקייט און אין זייער באַ=
שערטקייט פאַרן אתה=בחרתנו=פאָלק, אין זיין העגדום=פעגדום=
יאָגעניש נאָך נייע פרנסות און באַשעפטיקונגען; דער קליינ=
שטעטלדיקער קליינבירגער אין זיינע קאָנוולסיווע אָנשטרענגונ=
גען איינצוהאַלטן די אַלטע לעבנס=פאָרמען און אין זיין איינציי=
טיקער לייכטזיניקסטער גרייטקייט אַראָפּצוואַרפן פון זיך אַלע
רעשטלעך פון זיין אַלטער ירושה אַבי פאַרכאַפן וואָס גיכער
אַן אָרט אין דער נייער אַרומיקער פאַרענדערטער וועלט;
דער קליינשטעטלדיקער קליינבירגער בשעת ער טוט זיך
איבער, בשעת ער פאַסט צו נייע בגדים און אַ קאַפעליוש, בשעת
ער בייט זיין לשון און זיין לעבנס=שטייגער, בשעת ער גייט
דורך דעם אַלף=בית פון גרויסשטאָטישן וועלטלעכן וועלט=באַנע=
מען — מיט איין וואָרט דער יידישער קליינבירגער
אויפן וועג פונם קליינעם שטעטל אין דער
גרויסער שטאָט אַריין, אויפן וועג פון די
קליינשטעטלדיקע פרנסות צו די גרויס=שטאָ=
טיקע פרנסות, אויפן וועג פונם כתרילעווקער
לעבנס=נוסח צום יעהופּעצער לעבנס=שניט —
אָט דאָס איז דער הויפּט=העלד פון שלום=עליכמס ווערק.

די קינסטלערישע אויפגאַבע פון סוף פון 19=טן יאָרהונ=

דערט ביי יידן איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, ווי בולטער און טאַלאַנטפולער פאַרפיקסירן דעם כּתריאליק מיט זיין קליינשטעטל=דיק=קליינבירגערלעכן הויקער אויפן פּאָן פון יעהופּעץ — און שלום-עליכם האָט די דאָזיקע היסטאָרישע קינסטלערישע אויפגאַבע גלענצנד אויסגעפּילט און איז דעריבער געוואָרן דער גרעסטער שרייבער פון דער צווייטער תּקופה, פון דער תּקופה פון די ח ב ל י = ל י ד ה פון דער מאָדערנער יידישער נאַציע.

דאָך זיינען פאַראַן איינצלנע שרייבער, וועלכע ס'איז פּאָרט שווער פאַררעכענען צו אַ באַשטימטער עפּאָכע.

אַש, למשל, האָט געגעבן אַ מייסטערישן טיפּ פון דער גאָר אַמאָליקער יידישער סוחרישער בורזשואַזיע; ביי אַשן זיינען אָבער דאָ נישט ווייניק בילדער פונם לעבן פון דער יידישער אינטעליגענץ און אויך פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע געהערן שוין אינגאַנצן דער סאַמע מאָדערנער צייט; און ביי אַשן זיינען דאָ אַסך גלענצנדיקע זאַכן, וואָס געהערן דעם מיטלסדיקן פּעריאָד, דער איבערגאַנגס=תּקופה. און ס'איז אייגנטלעך שווער צו זאָגן, וואָס איז דאָס מער כאַראַקטעריסטישע פאַר אַשן— צי דאָס גאָר אַמאָליקע שטעטל מיט דעם רייכן סוחר אין דער שפּיץ, צי דער קרעמער, וואָס איז געווען געצוווּנגען צו ווערן אַן אַרבעטער, און וואָס אויך זיין לאַנגן וועג פונם פּוילישן קליינשטעטל ביז דער אַמעריקאַנער גרויס-שטאָט פאַרלירט ער נישט זיין קרעמערישע פּסיכאָלאָגיע און טראָגט זיך אַרום מיט איר, ווי מיט עפּעס אַ הייליקער טראַדיציע, אפילו נאָכדעם, ווי דאָס לעבן האָט אים שוין מיטן האַרבן וואָרט געזאָגט זיין פּסק=דין: „דו וועסט בלייבן אַן אַרבעטער!“

דאָס זעלבע איז אויך ביי ד. בערגעלסאָן. ער האָט געגעבן דאָס בעסטע בילד פון דער אויסגייענדיקער יחוס=בורזשואַזיע און די גלענצנדסטע בילדער פון דער אויפגעקומענער פרישער מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע. ער האָט געגעבן דעם טיפסטן אַנאַליז פון דער יידישער מאָדערנער אינטעליגענטישער נשמה, וואָס האָט שוין איינגעזאַפּט אין זיך אַ גרויס שטיק אייראָפּעישע קולטור, נאָר ראַנגלט זיך נעבעך מיט דעם באַרג קליינבירגערלע=

כער ירושה און פֿאַלט אונטער דער דריקנדיקער משא פֿון דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן הויקער, און האָט אונז געוויזן, ווי די נייע פּראָפֿעסיאָנעלע אינטעליגענץ איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער גליד פֿונם יידישן פֿאָלקס=קערפּער. בערגעלסאָן האָט דערוויזן, פֿאַרשטייט זיך, ריין קינסטלעריש, ווי די יידישע מעקלערישע נשמה האָט זיך אַליין אויסגעשעפּט אַפֿילו אינם מעקלער גופֿא, ווי זי איז געוואָרן איר אייגענע סתירה, אָדער, ווי אַ העגעליאַנער וואָלט זיך אויסגעדריקט, ווי די נאַציאָנאַלע מעקלערישע נשמה האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין איר אייגענע אַנטיטעזע, און ער טאַקע האָט אונז באַוויזן, ווי גרויס ס'איז די אינערציע=קראַפֿט פֿון דער דאָזיקער אַמאָליקער פֿאָלקס=סטיכיע. אויב אַש האָט אונז געוויזן, ווי דאָס קליינשטעטלדיקע יידישקייט, געצוווּנגען זיך אַריבערצוטראָגן אין ניו=יאָרק, טראָגט נישט איבער די דאָזיקע נייע גרויסשטאָטיקע אַטמאָספֿערע און ווערט דאָרט דערשטיקט (אַמעריקע), האָט בערגעלסאָן דערוויזן, ווי דאָס דאָזיקע קליינשטעטלדיקע יידישקייט האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פֿון אינעווייניקסטער אויסגעליידיקטקייט, ווען ס'בלייבט אים איין אויסוועג: אונטערגיין און אָפּטרעטן זיין אָרט אַ נייעם יידישקייט (אָפּגאַנג). בערגעלסאָן געהערט אַלזאָ צו די צוויי לעצטע עפּאָכעס.

III

## די סאָציאַלע דיפערענציאַציע ביי יידן אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט

אַז מען רעדט וועגן דער נישט-דיפערענצירטער יידישער נאַציע אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט, דאַרף מען דאָס נישט פאַרשטיין אין אַבסאָלוטן, גאָר, פאַרקערט, אין שטרענג רעלאַטיוון זינען. ס'זיינען נישט געווען קיין קלאָר אויס געשפּראָכענע קלאַסן, וואָס שטייען איינער אַנטקעגן אַנדערן; וואָס די היפוכים צווישן זיי זיינען בולטע און קלאָרע; וואָס דער קאַמף צווישן זיי איז פול מיט סאָציאַלן און פּאָליטישן אינהאַלט ווו דער קאַמף איז אַ דירעקטער, אַ שטענדיקער, אַ האַרטער און אַ פאַרביטערטער. די יידישע דעמאָלטיקע נאַציע האָט זיך געטיילט פריער פון אַלץ אין צוויי סאָציאַלע שטאַנדן: פּאַרמיט-לער-עלעמענטן — קרעמער, סוחרים, אַרענדאַרן, פּאָדריאַטשיקעס, שענקאַרעס, מעקלער און לופט-מענטשן, — און בעלי מלאכות — שניידער, שוסטער, זייגער-מאַכער און אַנדערע. די בעלי מלאכות זיינען פּאָליטיש געווען אונטערגעוואָרפן דער ערשטער גרופּע, ריכטיקער: די אויבערשטע שיכטן אירע; זיי זיינען אויף די פאַרשיידנסטע אופנים עקספּלואַטירט און אויסגענוצט געוואָרן פון די הערשנדיקע קהלס-לייט, וואָס זיינען כמעט אויסשליסלעך אַרויסגעקומען פון דער ערשטער סאָציאַלער גרופּע. הן בנוגע צו שטייערן, הן בנוגע צו עקסטראַ-אָפּצאָלונגען, הן בנוגע צו רעקרוטן און צענדליקער אַנדערע צרות און גזרות, וואָס פלעגן זיך שיטן טאָג-טעגלעך אויפן קאָפּ פון די יידישע מאַסן, באַזונדערס

אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן, פּלעגט זיין דער בעל-מלאכה דאָס כּפּרה-הינדל. ער איז געווען דער שוואַכסטער און דעריבער דער ערשטער אויפן מזבח. און, פאַרשטייט זיך, אַז אויך בנוגע צו גאָט-זאַכן איז דער בעל-מלאכה נישט געווען קיין גרויסער מיוחס — קיין פּעטע עליה האָט ער קיינמאָל נישט באַקומען; קיין אָרט אין מזרח אודאי און אודאי נישט; און ביי קליבן רבנים, גבאים, פּרנסים, וועלכע זיינען געווען נישט אַזוי פיל גאָטס-פאָרשטייער אויף דער ערד, ווי די ממונים אויף אַסך גאָר ערדישע אינטערעסן, ווי שטייערן, טאַקסעס, רעקרוטן וכדומה, פלעגט דער בעל-מלאכה קיין דעה נישט האָבן. דערצו איז דער בעל-מלאכה נאָך געווען דער עם הארץ, ווייל ער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן זיינע קינדער ביי גוטע מלמדים, און די תלמוד-תורות פלעגן אַרויסלאָזן נאָר גראָבע ייִנגען, — און דער בלאָק פון די כלי-קודש מיט דער אַרענדע-און פּאָדריאַטשיקעס-בורזשואַזיע האָט מן התורה, אַזוי צו זאָגן, באַרעכטיקט די נידעריקערע לאַגע פונם דאָזיקן קלאַס.

אָט דאָס זיינען געווען די סתירות צווישן די צוויי גרונטגרופּעס פונם דעמאָלטיקן יידישן פאָלק. די דאָזיקע סתירות האָבן געגעבן געוואג שטאָף פאַר שנאה און צאָרן מצד די בעלי-מלאכות צו די יידישע אונטערדריקער; זיי האָבן געגעבן געוואג מאַטעריאַל פאַר שטענדיקע רייבונגען און מחלוקתן, קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן; קלאַסן-קאַמף אָבער אין אמתן זינען פון וואָרט; קלאַסן-אַנטאַגאָניזם, ווי דאָס איז געווען צווישן די פּריצים און פּויערים; קלאַסן-היפּוכים, וואָס זיינען פול מיט סאָציאַלן תוך און וואָס דער סאָציאַלער תוך זייערער באַקומט גרינג פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע פאָרמען; צדדים, וואָס שטייגן איינער אַנטקעגן אַנדערן, און די אַנטאַגאָניזמען און קאָנפליקטן דרינגען אַריין אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן, ווי דאָס איז געווען ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג — אָט די דאָזיקע קלאָר-אויסגעשפּראָכענע קלאַסן-צעשפּאַלטונג האָט געפעלט אין דעמאָלטיקן יידישן לעבן. די רייבונגען און צוזאַ-

מענשטויסן אין דעמאָלטיקן יידישן לעבן זיינען דעריבער געווען סאָציאַל פרוכטלאָז און שוין ממילא פּאָליטיש און קולטורעל אָרעם און נישטיק.

שטעלן מיר זיך אָפּ אויף דער הערשנדיקער גרופּע, זעען מיר, אַז זי איז נישט אויסגעגאָסן פון איין שטיק, אַז, פאַרקערט, זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ לייטער מיט אַ סך טרעפּ, און וואָס העכער די טרעפּ, אַלץ קלענער די צאָל מענטשן, וואָס געפינען זיך אויף איר. די בעלי-בתים פון די אויבערשטע טרעפּ פאָרן רייטנדיק אויף די בעלי-בתים פון די אונטערשטע טרעפּ. דער גרויסער סוחר, וואָס ברענגט סחורה פון אויסלאַנד אָדער פון מאָסקווע; דער רייכער קרעמער, וואָס פאַרנעמט די פאָר געמויערטע פריצישע קלייטן אין שטאָט אָדער שטעטל; דער אַרענדאַר, וואָס וווינט נישט ווייט פון פריצס הויף, און וואָס האַלט משרתים, און זיין ווייב טראָגט פערל, און ביי דער שטוב איז דאָ אַ שיין גאַניקל, און אויפן הויף אַ שטאַל מיט אַ פאָר פערד און אַ פאָר בהמות; דער גרויסער תבואה-הענדלער, וואָס פאָרט איבער די יאַרידים און נעמט צונויף ביי די קליינע קלייטניקעס און קרעמלעך, מעקלערלעך און אויפקויפערס פאַרשיידענע אַגראַר-פּראָדוקטן אויף שיקן קיין אויסלאַנד אָדער קיין אַדעס; דער פּאָדריאַטשיק, וואָס שטעלט צו פּראָוויאַנט פאַר דער אַרמיי, האַלט אין אַרענדע דעם „אָטקופּ", די גוראַלניע, די שטאָט-וואָג, די פלייש-טאַקסע און אַנדערע מקורות פון מלוכהשער אָדער פריצישער הכנסה, איז אַ קרוב צום פריץ און נאַטשאַלסטווע און איז אָפט דער איינציקער, וואָס פאַרשטייט רוסיש און פויליש און קאָן זיך צונויפריידן אויף די דאָזיקע ביידע פרעמדע שפּראַכן — אָט דאָס איז געווען די הערשנדיקע יידישע בורזשואַזיע, זייער אַ קליינער מיעוט פון דער יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט אָבער געהאַלטן אין זיינע הענט די גאַנצע מאַכט איבער דעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן.

ווער זשע איז געווען אויף די אונטערשטע טרעפּ?

אַ סך קליינע קרעמערלעך און קלייטניקעס, וואָס האָבן געקויפט סחורה ביים בעל-הבית פון די פאָר געמויערטע קלייטן אָדער

האָבן אויפגעקויפט תבואה=פּראָדוקטן פֿאַרן ברויט=סוחר ; אַ סך
מעקלערלעך און אויפקויפערס, וואָס האָבן געלעבט פונם יאַריד
אָדער פונם בינטל חזיר=האָר, וואָס מען האָט געקויפט אויפן
דאָרף ; אַ סך פֿאַקטאָרס, וואָס האָבן באַדינט דעם פּריצישן הויף
און אויך דעם אַרענדאַר און דעם פּאָדריאַטשיק ; אַ סך לופט=
מענטשלעך, יידעלעך מיט שטעקעלעך און מיט ווייט=פֿאַררוקטע
היטעלעך, וואָס האָבן געאַרבעט מער מיט דער נאָז, ווי מיט דער
האַנט און מיטן מח ; אַ סך שענקערס, וואָס האָבן געפירט אַן
אָרעם לעבן און זיינען געווען פֿאַרמיאוסט אין די אויגן אי פון
די יידן, אי פון די גויים; און צום סוף פּראָצענטניקעס, חלפנים,
קאָנטראַבאַנדיסטן ; גבאים, רבנים, דיינים, שוחטים, חזנים, מלמדים,
פֿאַרזאָרגער פון עירובין, פון רב מאיר=בעל=הנס=פּושקעס, משגי=
חים אויף כלערליי כשרותן, גלאַט גאָטס סטראַפּטשעס, שליחים פון
צדיקים און רביים און נאָך אַ סך אתה=בחרתנו=קינדער, וואָס
זייער באַשעפטיקונג איז שווער צו באַשטימען און אַפילו אָנצו=
רופן.

אָט דאָס זיינען די צוויי סאָציאַלע שיכטן, וואָס זיינען גע=
ווען דער רוב פון דעמאָלטיקן יידישן פֿאָלק. אַ קליינער
מיעוט, וואָס האָט געלעבט אַ גוטן טאָג און האָט געהאַלטן די
לייצעס אין די הענט, און אַ גרויסער רוב, וואָס האָט געשמייעט
און געהאָרעוועט, געיאַרידעוועט און געטומלט, געשוויצט און גע=
האָרעוועט און דאָך געהונגערט און געלעבט אין שטענדיקער
דחקות און נויט. דאָ האָט די עקספּלואַטאַציע געטראָגן אַפילו אַ
דירעקטערן כאַראַקטער, ווי בנוגע צום בעל=מלאכה. דער רייכער
קרעמער האָט טאַקע גענומען טייער פֿאַר סחורה ביים שטעל=
קלייטניק ; דער רייכער תבואה=סוחר, וואָס האָט געגעבן געלט די
צענדליקער אויפקויפערס — זייגע משרתים אויף די יאַרידים —
האָט געוויס זיך אָראָפּגענומען דאָס פעטע פלייש און זיי געלאָזן
די מאָגערע ביינער ; דער אַרענדאַר פון בראַנפן האָט געוואָרגן
און געדריקט די גרויסע מאַסע שענקערס ; דער פּראָוויאַנט=
פּאָדריאַטשיק האָט אויסגענוצט פֿאַר זיינע צוועקן דעם שווייס
פון הונדערטער קליינע פֿאַקטאָרלעך און מעקלערלעך — איז דאָ

אָבער געווען אַ קלאַסן־אַנטאַגאָניזם? איז דאָ געווען נישט נאָר קנאה צום גליקלעכערן און שנאה צום נגיד, נאָר אויך דער זאַפטיקער האַס און דער פּראָדוקטיווער צאָרן, וואָס פֿילן אָן יעדן קלאַסן־קאַמף?

ס׳איז קלאָר, אַז אויך דאָ האָבן געפֿעלט די קלאַסן־היפּוכים, וואָס שטעלן אַוועק צוויי צדדים איינעם אַנטקעגן אַנדערן; דאָ זיינען פֿאַר אונז צוויי שיכטן פֿון איינער און דערזעלבער סאָציאַלער גרופּע; שיכטן, וואָס שטייען איינער נעבן אַנדערן, איינער העכער און איינער נידעריקער; שיכטן, וואָס האָבן צווישן זיך תּמיד חשבונות און רייבונגען, קאָנפֿליקטן און סתּירות; זיי פֿאַרמאָגן אָבער נישט קיין סאָציאַלן שטאָף, מיט וואָס אָנצופֿילן די קאָנפֿליקטן, און ס׳פֿעלט דעריבער פּאָליטישער און קולטורעלער אינהאַלט פֿאַר די דאָזיקע סתּירות.

די יידישע ליטעראַטור, וואָס מאָלט דאָס יידישע לעבן פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון 19־טן יאָרהונדערט, האָט נישט דורכגעלאָזט די דאָזיקע שיכטן־צעשפּאַלטונג פֿונם יידישן פֿאָלק און האָט אָפּגעגעבן נישט ווייניק אָרט און אויפֿמערקזאַמקייט די אויבן אָנגעמערקטע סתּירות און קאָנפֿליקטן. נאָר ווי אַן אמתער שפּיגל פֿון לעבן, האָט זי געמוזט אָפּגעבן מער אָרט און מער אויפֿמערקזאַמקייט די מאָמענטן, וואָס שטרייכן אונטער די איינהייטלעכקייט פֿון דער דעמאָלטיקער יידישער באַציִע, ריכטיקער די איינזייטיקייט און איינטאָניקייט פֿון דעמאָלטיקן יידישן לעבן.

## IV

# נגידים און קבצנים אין ריב"לס „הפקר־וועלט"

ר׳ יצחק בער לעווינזאָן, וואָס איז געווען גאַנץ ווייט פון אַ קינסטלער און וואָס האָט דערצו תּמיד געהאַט אין זינען אַ סך מער דעם ר ע י ו ן ווי דאָס ב י ל ד, האָט אין זיין איין־אונ־איינציק יידיש ווערק, וואָס טראָגט דעם נאָמען „הפקר־וועלט", אונז געגעבן זייער ווייניק פון דעמאָלטיקן יידישן לעבן. דאָס איז מער אַ דרשה פון אַ משכּיל, ווי אַ קונסט־ווערק פון אַ שרייבער. דאָך איז דאָס דאָזיקע ביכל אַן אינטערעסאַנטער ליטע־ראַרישער דאָקומענט, וואָס באַלייכט אייניקע ווינקלעך פון דע־מאָלטיקן יידישן לעבן. ווען ריב"ל דערציילט אַ שטייגער, אַז „מען לעבט נאָר פון דעם ווינט, אַ פּעקעלע, אַ קוויטעלע אויף דעם פּריץ, פון עפּעס אַ התמנותל, פּאַקטאָר־לשון און אַמאָל אַ מסירהלע הינטערוויילעכטס, דערביי פון די גנבהשע טאַקסעלעך, עפּעס פון דער זייט אַ לעק, אַ שמעק", וואַרפט ער אַ געוויסן שיין אויף אַ גרופּע מענטשן ביי יידן אין דער דעמאָלטיקער צייט. דאָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, נישט קיין מערהייט פון יידישן פאָלק אַפילו אין די 30־ער יאָרן פון ביינצעגנטן יאָרהונ־דערט, ווען ריב"ל אומגעפער האָט געשריבן זיין דראַמע אונטער דעם העכער געבראַכטן נאָמען. נאָר דאָך איז דאָס געווען אַ באַ־דייטנדיקע גרופּע און דערצו אַזעלכע, וואָס האָט געשפּילט אַ גרע־סערע ראָלע, ווי איר האָט געהערט לויט איר צאָל. איר וו אָ ג איז געווען אַ סך גרעסער, ווי איר צ אָ ל. קאָנטראַבאַנדיסטן,

פראָצענטניקעס, גבאים אין קהל, בעלי־טאַקסעס — אָט דאָס זיי־נען די עלעמענטן, וואָס אויף זיי פאַלט אָן ריב״ל. אָט פלעגט טרעפן, אַז די לעצטע דריי פּרנסות פלעגן אַרייַנפאַלן אין די הענט פון איין גרויסער, און אַמאָל נאָך מיוחסדיקער משפּחה — אָט אַזאַ משפּחה פלעגט אין יענע צייטן שפּילן אַ ראָלע פון אמתע פּעאָדאַלן אין די יידישע קהלות.

ריב״ל דערציילט אין דעם זעלבן ווערק, אַז די „פּרנס־חדשים זיינען גנבים, רוצחים, לייגן זיך נאָר, זיי זאָלן רייך ווערן פון אָרעמע לייט״, און דער איבעריקער עולם „האָרעווען, רייסן קריעה, פאַרדינען נעבעך מיט דעם ביטערן שווייס זייער גראָשן; זיי מוזן האָרעווען אויף פרעמדע ווייב און קינדער, זייער גאַנצע דאָבּרע מזל נעבעך גייט אַריין אין די פאַרשמאָדערטע נגידים: זיי זויגן אויס טאָג און נאַכט מיט נתינות, מיט טאַק־סעלעך, מיט רעקרוטן־געלט, מיט אָקסן־געלט״.

ריב״ל דערציילט אונז נישט, ווער איז דאָס דער דאָזיקער איבעריקער עולם, וואָס האָרעוועט מיטן ביטערן שווייס; ער גיט אונז נישט קיין פאָרשטעלונג פון דעם, וואָסערע באַציונגען און פאַרהעלטענישן ס׳הערשן צווישן נגידים און קבצנים, צווישן בלוט־זויגער און האָראָפּאַשנע מענטשן, צווישן רייכע, וואָס פאָרן רייטנדיק אויפן רוקן פון אָרעמען עולם, און אָרעמע, וואָס „מוזן האָרעווען אויף פרעמדע ווייב און קינדער״. ער שטעלט אָבער פעסט דעם פאַקט, אַז אין דעמאָלטיקן יידישן לעבן זיינען געווען צוויי סאָציאַלע שיכטן, צווישן וועלכע ס׳האָט קיין שלום נישט געקאָנט זיין. אמת, די אָרעמע האָבן, ווי ריב״ל זאָגט עדות, שטיל און אונטערטעניק געטראָגן דעם יאָך פון די רייכע און שטאַרקע, וואָרים זיי האָבן דאָך נאָר געריסן קריעה. די לעצטע פראַזע איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישע — דער מעטאָד פון קאַמף איז גאָר אַן אָריגינעלער, אַזאַ ספּעציפיש נאַציאָנאַלער, אַז קיין איין פאָלק אין דער וועלט ווייסט געוויס פון אים נישט.

„רייסן קריעה״ — וואָס באַטייט דאָס? וואָס פאַר אַ ווערט, וואָס פאַר אַ באַטרעף קאָן האָבן אַ קאָלעקטיווער רייסן קריעה?

„רייסן קריעה“ — הייסט נישט נאָר זיין שוואַך און אומבאַהאָלפן אין געגעבענעם מאָמענט; דאָס הייסט נישט האָבן קיין קאַמף-פערספעקטיוון, נישט טראָגן אין זיך דעם קאַמף-צאָרן, וואָס מעג ער זיין ווי באַהאַלטן און געשטיקט אין זיך, גיט ער דאָך צו אַ באַשטימטע פאַרב דער פסיכאָלאָגיע פון דעם אונטערדריקטן קלאַס.

נגידים און קבצנים — דאָס זיינען אַזעלכע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס, וואָס די סאָציאַלע קאָנפליקטן צווישן זיי גיבן נאָר קריעה-רייסן. נגיד און קבצן — דאָס איז זייער און זייער ווייט פון פריץ און פויער, פון האַר און קנעכט, נאָך ווייטער פון פאַבריקאַנט און פראָלעטאַריער.

אין דער יידישער ליטעראַטור פון ערשטן פעריאָד וועלן מיר באַגעגענען נאָר נגיד און קבצן; העכערע טרעפ פון סאָציאַלן לייטער און נידעריקערע טרעפ; מיר וועלן אָבער דאָרטן נישט טרעפן קיין כחות, וואָס שטייען איינער אַנטקעגן אַנדערן דורות-לאַנג; וואָס זאַמלען דורות-לאַנג שנאה און האַס איינער צום אַנדערן; וואָס זאַמלען יעדערער אין זיין באַזונדערער סביבה זיין קולטור און זיין וועלט-אויפנעם, זיין לעבן-באַנעמען און זיין אידעאַל-פאָרשטעלונג און קומען סוף כל סוף צום אומפאַרמיידלעכן היסטאָרישן צוזאַמענשטויס אָנגעלאָדענע און באַוואָפנטע.

V

# דער יידישער נגיד און דער יידישער בעל-הבית ביי אַקסענפעלדן

אַ סך אינטערעסאַנטער, זאַפטיקער, פּילזייטיקער און קינסטלערישער פון ריב"לס „הפקר-וועלט" זיינען די ווערק פון י. אַקסענפעלד, הגם ער איז אויך געווען אַ טיפּישער משכּיל און האָט אַלע מעלות און אַלע חסרונות פון די דעמאָלטיקע משכּילים. ביי אים קומען אויך שטענדיק אַרויס די געבילדעטע ערלעכע און פיינע מענטשן און די חסידים, די מורדי אור, רוצחים אָדער גנבים. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַזוי פיל טאַלאַנט, אַז ער האָט דאָס לעבן קיינמאָל נישט פאַרגוואַלטעוועט, ווי דאָס האָבן געטאָן נישט ווייניקע.

די שטאָט, וואָס אַקסענפעלד באַשרייבט אין זיינע צוויי ווערק, וועלכע מיר האָט זיך איינגעגעבן צו לייענען, — „קבצן-עושר-שפּיל", אַ דראַמע אין צוויי אַקטן, און „דער ערשטער אידישער רעקרוט אין רוסלאַנד בשנת התקפ"ו, דענצמאָהל איז דער אוקאַז אָנגעקומען; אָדער אַ מעשה פון קלאָמערשט חתן-כּלה" — הייסט ניביוואַלע.

וואָס פאַרע פאַרשוינען טרעטן ארויס איןביידע ווערק?

דעם אויבן-אָן אין „קבצן-עושר-שפּיל" פאַרנעמט אברהמל דער פּוילישער, אַן עושר אין דער שטאָט ניביוואַלע, „ער האַלט די שטאָט-אַרענדע פונם שר און איז אַ גרויסער קרעמער דערצו, אַ טייל יידן פון דער שטאָט האַנדלען מיט זיין געלט." דער נגיד פון שטאָט, ווי מיר זעען, האָט דריי פּרנסות: ער האַלט די

אַרענדע; ער האָט אַ גרויסע קראָם; און ער גיט געלט אויף פּראָצענט. אַלזאָ, מיר האָבן דאָ אַ טיפּישן יידישן נגיד פון יענער צייט, און ער איז דער איינציקער נגיד אין ניביוואַלע. און דער דאָזיקער איינציקער נגיד ווערט פּלוצים אויס נגיד און זעלבסטפאַרשטענדלעך אויך אויס תקיף. דאָס איז אויך געווען זייער טיפּיש פאַר אַקסענפעלדס צייט און אויך פאַר אַ סך צענדליקער יאָרן שפּעטער.

אין „קבצן־עושר־שפּיל" איז דאָ אויך אַ משכיל אהרן בעל־מחשבה, „אַ יונגער־מאַן, וואָס קען לשונות און איז דערצו אַ למדן, אַ שרייבער און אַ קלוגער און אַ חשוב ביי דעם שר." פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער אהרן האָט אַלע שאַנסן צו פאַרנעמען דעם געפאַלענעם נגידס אָרט. און אין דער אמתן, אין „דעם ערשטן אידישן רעקרוט", וואָס איז געשריבן שפּעטער מיט צען יאָר, טרעפן מיר זיך מיט דעם דערמאָנטן ר' אהרן און ער איז שוין „דער גרעסטער עושר אין ניביוואַלע, אַ געלערנטער אין אַלערליי חכמות און לשונות, ער איז אַ חשוב ביי דעם שר אין דער שטאָט און זיין האַנדל איז מיט אָקסן קיין וואַרשע".

וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט אָט דער דאָזיקער נגיד אין דער שטאָט ניביוואַלע?

י. אַקסענפעלד דערציילט אונז, אַז ר' אהרן דעם נגידס הויף איז נישט ווייט „פונם פּאַלאַץ, ווו דער שר, דער גראַף ניביוואַלסקי אַליין זיצט". ער באַשרייבט זייער אויספירלעך, וואָס פאַר אַ ברייטע שטוב מיט אַ סך פענסטער ער פאַרנעמט: „פון פאָרנט שטראַכעטן פון פּרעסעס, שען און געדיכט געפלאָכטן". דער הויף איז אַ גרויסער, כמעט אַ פּריצישער; ס'שטייען וועגן מיט היי און ס'זיינען דאָ „סטאַניס אויף פערד און אויף קאַרעטעס"; פאַר דער שטוב „אַ קליין פּידאַשיקל מיט „געטאָקטע ליבן אונטער אַ דעכעלע;" אין דער טאַליע „געמאָלטע ווענט מיט אַ סטעלי". די ערד „געברעקירט מיט ברעטער; אויף איטליכער וואַנט אַ שפּיגל".

ר' אהרן דער נגיד, וואָס שיקט אָקסן קיין וואַרשע און כּמעט אַהינצו, ווייזט אויס, גאַנץ אָפט, איז אַ גרויסער מקורב

צום שר, ווייל דער האַנדל מיט אָקסן האָט זיך געדרייט דער עיקר אַרום דעם שרס מאַיאָנטקעס. ביים פּריץ טאַקע האָט מען געשטעלט אָקסן אויף האָדיוולי אָדער מען האָט געקויפט גרייטע אויסגעהאָדעוועטע אָקסן. גיכער פון אַלץ דאַרף מען צולאָזן, אַז ר' אהרן האָט געהאַט מיטן פּריץ נאָך אַנדערע געשעפטן, און ר' אהרן בויט זיין נעסט נאָענט צום פּריצס הויף און פאַרפירט אַ לעבן, אין מאַטעריעלן זינען, אויף אַ פּריציש; שטייגער.

ר' אהרן האָט שוין גאָר אַנדערע השגות ווי אַלע איבעריקע ברידער זיינע פון ניביוואַלע. לויט זיין מאַטעריעלער לאַגע און לעבנס-פאַרנעם, לויט זיין מ אַ כ ט אין קהל און ו ו אָ ג ביי דער אַרומיקער פּרעמדער וועלט, ווי דער פּריץ און די אַדמיניסטראַציע, פאַרנעמט ער דעם סאַמע אויבן-אָן אין שטאָט. דער דאָזיקער אויבן-אָן באַדייט אָבער אין קולטורעלן זינען אין דער צייט פון די אַלטע טראַדיציעס, אַביסל פריי פון די אַלט-פּרענקישע פּענטעס. ער רייסט זיך נאָך נישט אָפּ פון קהל; ער איז נאָך מיט טויזנטער פעדים פאַרבונדן און באַהעפט מיט קהל, נאָר פונדעסטוועגן פילט זיך, אַז דאָס וואָס ער זיצט אויבן-אָן און באַגעגנט זיך אָפט מיטן פּריץ און מיט דער אַדמיניסטראַציע, צווינגען אים אָפט מקיל זיין אין אַ סך דינים און מנהגים און איבערצוגיין פונם אַלטן יידישן שטייגער צו נייע בירגערלעכע לעבנס-פאָרמען. אין „דעם אידישן רעקרוט“ זיינען דאָ דערויף זייער וויכטיק קלאָרע אָנווייזונגען. נאָר דאָך זיינען זיי כאַראַקטעריסטיש. ר' אהרן טראָגט „קליינע שוואַרצע פאהלעך“; ער טראָגט אַ „זשילעט מיט אַ ווייס האַלזטיכל“ „אַ ניאַנקע אַ שיקסע מיט אַ סך פאַצירקיס גיט אַכטונג אויף די קינדער“; ר' אהרנס ווייב זיצט שבת „נעבן אַ פענסטער מיט אַ ביכל אין דער האַנט“; „ביי ר' אהרנען אויפן טיש ליגן ספרים און ביכער“.

ס'איז אָנגעקומען דער „אוקאַז“ וועגן נעמען יידישע רעקרוטן. לויפט די גאַנצע שטאָדט צו ר' אהרנען, ווייל נאָר ביי אים זוכט מען אַן עצה, ווייל מען פילט אַלע, אַז ער וועט זיין דער גרעסטער בעל דעה ביים אויספירן דעם אוקאַז. און אין אמתן, אַז מען דאַרף נאָכדעם אָפּגעבן פאַר אַ רעקרוט איינעם

נחמנ׳ען, אַ בן יחיד, נאָר „אַ מה-יעשהניק, אַ צרה, אַ שענער קלוגער יונג, אפילו מיט מעלות, נאָר נישט קיין לייט", שפּילט ר' אהרן די הויפּט-ראָלע אין דער גאַנצער זאַך. ער פילט, פאַרשטייט זיך, אַליין נישט אויס די מיאוסע אַרבעט פון „כאַפּן" דעם רעקרוט און אים צושטעלן צו דער מאַכט. אויף דער דאָזיקער שוואַרצער אַרבעט זיינען דאָ קלענערע מאַכערס, ווי ר' אהרן בכבודו ובעצמו. ר' אהרן איז אַזוי צו זאָגן, די „נשמה פונם גאַנצן מיאוסן שטיקל אַרבעט.

וואָס פאַר אַ פאַמיליע-לעבן פירט ר' אהרן, דער דאָזיקער רייכסטער און שטאַרקסטער מענטש פון ניבּיוואַלע און דער פאָטער פון דער קומענדיקער יידישער מאָדערנער בורזשואַזיע?

זיין פרוי „אַ שענע הויך-געוואַקסיג", טראָגט אַ שטערנטיכל, נאָר דערצו „אויף דעם ווייסן האַלז איין שנור זייער גרויסע אָרליאַנסקי פערל"; „די פינגער פון די ווייסע הענט מיט גוטע דימענטענע פינגערלאַך"; אַ ניאַנקע, אַ שיקסע מיט אַ סך פאַטשערקעס, גיט אַכטונג אויף די קינדער; טיי צום טיש דערלאַנגען צוויי משרתים; ר' אהרן טראָגט אַ זשילעט מיט אַ ווייס האַלזטיכל און מיט אַ זייגערל און דאָס איז אום שבת.

מיר זעען, אַז ר' אהרנס שטוב און זיין פאַמיליע זיינען ווייט נישט ענלעך צו אַ טיפּישער יידישער שטוב אָדער צו אַ טיפּישער יידישער פאַמיליע פון יענע צייטן, פון די דרייסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. און ר' אהרן איז אויך פיזיש זייער ווייט פון די טיפּישע יידישע אויסגעווייקטע נפשות, מיט וועלכע דאָס יידישע לעבן איז דעמאָלט געווען איבערפולט. ער האָט „אַ שען געזונט פנים, אַ ווייס, מיט רויטע באַקן" — רויטע באַקן ביי יידן דעמאָלט זיינען געווען נישט קיין ווייניקער זעלטענע ערשיינונג, ווי אַ שטוב מיט אַ גאָרטן און אַ שטאַל מיט פערד. די רויטע באַקן האָבן אָבער אַן איינפלוס אויך אויפן מח פון ר' אהרנען. דעם „אוקאַז" פון ניקאָלאַי דעם ערשטן וועגן נעמען יידישע רעקרוטן נעמט ער גאָר אַנדערש אויף, ווי די גאַנצע שטאָט ניבּיוואַלע. פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג איז דאָס אַ שרעקלעכע גזרה, אַ געוואַלטיק גרויסער אומ-

גליק, וואָס ווערט אויפגענומען ווי די אינקוויזיציע אין שפּאַניע. די גזרה ווערט באַטראַכט, ווי אַן אומגעהויער נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע. די מאַסע פילט מיט איר געזונטן נאַציאָנאַלן אינסטינקט, וואָס פאַרע צילן דער „אוקאַז" שטעלט זיך — און די אומבאַהאָלפענע און הילפלאָזע מאַסע פּרווט זיך ווערן, פּרווט זיך זיין נישט צופרידן; זי וויל כאָטש רייסן קריעה און שרייען גוואַלט און דער עיקר נישט חתמענען מיט די אייגענע הענט, אַז מען האָט דאָס שרעקלעכע פּאַפּירל באַקומען. די נאַיווע פינסטערע מאַסע מיינט, אַז נישט חתמענען קאָן איר עפּעס העלפן. ר' אהרן האָט זיך אָבער זיין קוק אויף דער זאַך. נישט אומזיסט זיצט ער אויבן־אָן. אַ דאַנק דעם האָט ער זיך אויסגעאַרבעט זיין אייגענע לעבנס־שיטה, זיין פילאָסאָפיע, די אויסגעשפּראָכענע פּראָגראַם־פילאָסאָפיע פון דער יידישער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע.

די יידישע בורזשואַזיע האָט די ערשטע דערפילט און פאַרשטאַנען די וויכטיקייט און נויטוועדיקייט פון פריי זיך באַוועגן איבערן ברייטן רוסלענדישן מאַרק. צוליב דעם איז זי געווען מוכן ומזומן צו ברענגען די גרעסטע נאַציאָנאַלע קרבנות. מאַרקפרייהייט — דאָס איז געווען אַ גרויס און ברייט פּראָגראַם, וואָס איז געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער גאַנצער פּאָליטיק פון דער יידישער בורזשואַזיע אין די קומענדיקע יאָרן ביז דער סאַמע רעוואָלוציע פון 1917־טן יאָר. און אָט ווי ר' אהרן טייטשט אויס פון נאָר וואָס אָנגעוויזענעם שטאַנדפּונקט דעם גוטן רצון פון ניקאָלאַי דעם ערשטן יר"ה:

„אונזער קייזער יר"ה וויל אין זיין מדינה אַלע אומות, וואָס וואוינען אין זיין אימפּעריע, גלייך מאַכן, און איטליכער זאָל גלייך אַ רעכט האָבן צו וואוינען אָדער צו האַנדלען אומעטום".*) אָט דער געדאַנק וועגן גלייך האָבן רעכט צו וווינען און צו האַנדלען אומעטום חזרט זיך איבער ביי ר' אהרנען אַסך מאָל. און תגא אויף דער

*) „דער ערשטער אידישער רעקרוט", אונטערגעשטראָכן פון מיר י. ל.

אויפגערעגטער און אויפגעטראָגענער מאַסע מאַכן די דאָזיקע ווערטער קיין שום רושם נישט, חזרט ער זיי פונדעסטוועגן אָפּט איבער און נישט, חלילה, ווי אַן איינגעהזרטן פּסוק, ווי דאָס פלעגן טאָן טיפּישע אידעאָלאָגישע משכּילים, נאָר ווי אַ מענטש, וואָס פילט מיט אַלע פיבערן פון זיין פּראַקטישער נשמה, אַז אַרומפאָרן פראַנק און פריי ביאער גאַנץ רוסלאַנד בעקומען ראַטכ, צו פירן אָקסן קיין מאָסקווע און קיין פעטערבורג, זיך באַהעפטן צום גרויסן רוסלענדישן מאַרק, איז אַ גרויסע זאַך פאַרן כּלל, פאַרן קלאַס, צו ווּעמען ער געהערט. און דאָס איז שוין אַן אַלטער כּלל, אַז יעדער הערשנדיקער קלאַס באַטראַכט זיך, ווי דעם כּלל.

די אידעאָלאָגיע פון ר' אהרן ווערט אונטערגעהאַלטן פונעם שטאָטישן אַרענדאַר, אַ רויט ייד'ל, מיט אַ גרויסער נאָז אַ לאַנגער, ר' פּנחס דער רויטער. ער האָט געהערט, ווי די גרעסטע לייט זאָגן, אַז דער קייזער האָט יידן דערמיט אַ חסד געטאָן, „כּדי אידן זאָלן דערמיט האָבן גלייך רעכט און אַ חזקה אין דער מדינה". דער אַרענדאַר, וואָס זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן זיינען געווען דער עיקר אָפּהענגיק פון אָרטיקן אַרומיקן לעבן, האָט נישט אַזוי בולט געפילט די נויטווענדיקייט אינעם רוסישן מאַרק, ווי דער אָקסן-סוחר. ער זאָגט דעריבער נאָר נאָך דאָס, וואָס די „גרעסטע לייט זאָגן", די ר' אהרנס, די פאָרשטייער פון דער האַנדלס-בורזשואַזיע. די יידישע האַנדלס-בורזשואַזיע איז געגאַנגען אינעם שפּיץ פונעם „קאַמף" פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג און אויך פון דער השכּלה-באַוועגונג. געשטיצט האָט זי די פּאָטענציעלע האַנדלט-און אינדוסטריע-בורזשואַזיע, די רייכע אַרענדאַרן, וואָס האָבן געהאַט אָנגעקליבן בערך גרויסע קאַפּיטאַלן און האָבן זיי שפּעטער, ווען די אַרענדעס האָבן זיך אויסגעלאָזט, אַריינגעלייגט אין די אויפגעקומענע נייע געשעפטן און אונטערנעמונגען.

אברהמל דער פוילישער, ר' אהרן בעל-מחשבה און פּנחס דער רויטער — דאָס איז געווען דער העכסטער סאָציאַלער עטאַזש פונעם ניביוואַלער יידישן עקאָנאָמישן בנין. אַ קלאָרן פּאָליטישן

פנים און אַ געגוג אויסגעשפּראָכענע נטיה צו אָפּרוקן זיך וואָס ווייטער פונם טיפּישן יידישן לעבנס־שטייגער פאַרמאָגט נאָר דער דעמאָלטיקער גרויסער סוחר, דער אָקסן־הענדלער, וואָס איז געבונדן מיט אַ גרויסן מאַרק און שטרעבט צו אַ וואָס ברייטערן מאַרק. דער קרעמער — אַרענדאַר — פּראָצענטניק (אברהמל דער פּוילישער) און דער אַרענדאַר (פּנחס דער רויטער) שלעפּן זיך נאָך הן אין פּאָליטישן און הן אין קולטורעלן זינען נאָך דעם גרויסן סוחר, וואָס האָט ברייטערע האָריזאָנטן און גרעסערע פּערספּעקטיוון. זיי לעבן נאָך אינגאַנצן אויף דעם אייגענעם שטייגער, ווי די גאַנצע מאַסע; פאַרשטייט זיך, ס'לעבט זיך זיי אַ סך בעסער, ווי די נידעריקערע מאַסן; זיי האָבן אַ סך מער הנאה פון עולם הזה, ווי אַ דורכשניטלעכע יידישע פאַמיליע אין ניבּיוואַלע. דער אַלגעמיינער נוסח אָבער פון זייער לעבן איז אינגאַנצן נאָך אַ טראַדיציאָנעל־יידישער. זייער שטוב; זייערע קליידער און די קליידער פון זייערע פאַמיליעס; זייערע קולטורעלע אינטערעסן — אַלץ איז נישט ווייט פונם אַלגעמיינעם נוסח, אַלץ טראָגט נאָך אויף זיך דעם שטעמפּל פונם יידישן שטייגער.

פונם אויבערשטן עטאַזש לאָמיר זיך נאָר אַראָפּלאָזן אַביסל נידעריקער. שלמה פּסאַיאַכע, אַ פּרנס־חודש און אַ קרעמער, וואָס האָט ערשט נאָך דער שרפה אויסגעבויט אַ שטוב מיט אַ שטרויענעם דאַך נישט ווייט פון דער שול; וועלוויל גיליוואַטע, אויך אַ פּרנס חודש, האַנדלט מיט פעל; ישראל אוקריינער, אַ שותף אויף אַ קליינעם חלק אינם אָקסן־מסחר פון ר' אהרן — אָט דאָס זיינען די פאָרשטייער פון די מיטעלע שיכטן פון דער דעמאָלטיקער יידישער באַפעלקערונג. זיי אַלע האָבן פּרנסה, הענגען אָפּ ביז אַ געוויסער מאָס פון די נגידים; די לעצטע דאַרפן אָבער אויך אָנקומען צו די פּסאַיאַכעס און גיליוואַטעס. דורך די פּסאַיאַכעס און גיליוואַטעס האָט דער גביר ר' אהרן געפירט זיין ממשלה. די אויפגערעגטע פונם רעקרוטן־אוקאַז מאַסע שרייט זיך אָן און ווייַנט זיך אָן ביי שלמה פּסאַיאַכעס שטוב, אָבער צו ר' אהרנס שטוב לאָזן די פּרנס חדשים די „האָלאָטע" גאָרנישט

צו. דער עולם יידן און יידענעס, וואָס שרייען און פּילדערן און קריגן זיך, קומען נאָנט פאַר ר׳ אהרנס הויף, נאָר „דאָ טרייבן די פּרנס=חדשים אַוועק די האַלאַטע און גייען אַליין אַריין". 1) ר׳ אהרן געוועלטיקט; ער רעגירט אָבער דורך די דערמאָנטע פּרנס=חדשים, און די פּסאַיאָכעס פון זייער צד האָבן זיך גע=פונען פּאַסיקע מיטהעלפער, ריכטיקער משרתים=אויספירער. גבריאל שד, אַ ייד אַ שכור, וועלכן קהל נעמט פאַר אַ „לאָוטשי", פאַר אַ כאַפּער פון יידישע קינדער – אָט ער איז דער כלי-זין, וואָס פּילט אויס גאָר די שוואַרצע אַרבעט.

גיבן מיר נאָך צו, אַז די רבנים און דיינים זיינען מערסטנ=טיילס געווען יד=אחת מיט דער נאָר וואָס באַשריבענער הערשנ=דיקער גרופּע, און מיר באַקומען אַ קלאָר בילד פון די עלעמענטן, וואָס זיינען געפאָרן רייטנדיק אויפן קאַרק פון די יידישע מאַסן און וועלכע מענדעלע האָט שפּעטער אַ נאָמען געגעבן „כנופיא". וואָרים נאָך מיט פערציק יאָר פאַר ריב"לן און אַקסענ=פעלדן האָט דער באַקאַנטער רב רב יהודה ליב מרגליות געשריבן וועגן די רבנים פאָלגנדיקע שאַרפע ווערטער: „פאַר אַ שטיקל ברויט איז ער (דער רב – י. ל.) קאַפּאַבל צו חנפענען און מאַכן דעם רשע פאַר אַ צדיק. און אַ גאָב פאַרגיט יעדע זינד. אָט שילט ער און באַלד נאָך נטילת-ידים (כאַבאַר – י. ל.) בענשט ער שוין". 2)

1) „דער אידישער רעקרוט".
2) אור עולם, הקדמה שניה.

VI

## די יידישע „האַלאַטע" און דער יידישער בעל־מלאכה בײַ אַקסענפעלדן

ווער־זשע איז געזעסן אָדער זיך געוואַלגערט אויף די אונטערשטע טרעפּ פון דעמאָלטיקן יידישן סאָציאַלן לייטער?

אין אַקסענפעלדס דערמאָנטע ווערק געפונען מיר זייער אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל, וואָס פאַרענטפערט די דאָזיקע פראַגע.

אין „קבצן־עושר־שפּיל" זיינען פאַראַן, חוץ דעם דערמאָנטן אברהמל פוילישער, נאָך פאָלגנדיקע פאַרשוינען:

א) „חיים פליט, אַ חסיד אַ ווײַנשענקער".

ב) „נאָכדעם מגידס, אַן אַלטער חסיד, וואָס בײַ אים ליגט ר' מאיר־בעל־נס־געלט. ער מאַכט נדבות, ער גייט אַרום נאָך מעות־חטים, ער איז גבאי אין בית־המדרש און לעבט טאָקע דערפון, בײַ אים שטייען איין גוטע יידן".

ג) „ליפּע דער שוואַרצער, אויך אַ חסיד, אַ חלפן, וואָס האַנדלט מיט דעם אברהמל דעם פוילישער געלט".

ד) „רחמיאל דער עירבניק, אַ ייד, וואָס פאָרעט זיך מיט דעם עירוב אין שטאָט".

אין דעם זעלבן ווערק געפונען מיר ממש אַ מייסטער־בילד פונם מאַרק פון ניביוואַלע:

„אין מיטן רינג זײַנען דאָ דריי געמאָווערטע קלייטן, דערבײַ צוויי גאַנץ לאַנגע שורות הילצערנע קלייטן מיט לאָדינס... העכער אַרויף איז דער קלאָץ, וואָס מאַרק־טאָג שטייען דאָ אַרום

און אַרום פוהרען מיט תבואות צו פאַרקויפן; צווישן דעם קלאָץ און די קלייטן שטייען ווייבער און יידן מיט שטעליכער און מיט בענקלאַך. אין די שטעליכער פאַרקויפט מען שטריקליך, קרע־מיניע, היפקע, פאָדים, ציצות, פלעצליך, סמאָלע, גויאישע קאַפטערס, פאַצירקעס, נאָדלין, בעקעליך, צעפליגעס, גויִאישע קניפּקעליך, נאָלין, שימיגיס און קנוילן פאָדים צו דראַטווע, שטעליכער צושלאָגן פייער, פעפער און בשמים, וואָס מען פאַרקויפט פאַר אַ קאָפּיקע אָדער פאַר אַ גראָשן; אויף די בענקלאַך שטייען מיל־טערס מיט בייגל, מיט פלעצלאַך, מיט זעמיל, מיט ברויט און מיט ברויטלאַך, אַ טייל מיט זאַלץ, מיט גרויפּן, מיט הירזש, מיט אויסגעזאָטענעם אַרבעס, מיט דאַרע באַרליך און עפּעלעך, מיט קנאָבל און מיט ציבעלעס".

באַשרייבנדיק ווי דער עולם לויפט צום פרנס־חודש, ווען מען דערוווסט זיך אין שטאָט וועגן רעקרוטן־אוקאַז, זאָגט אַקסענ־פעלד, אַז ער איז באַשטאַנען פון „בעלי־בתים, קרעמער, שענ־קערס, חלפנים, האָזן־הענדלער, וואַקס, האָניג און וואָס האַנדלען מיט חלב". אין דעם „ערשטן אידישן רעקרוט" איז פאַראַן נאָך ליפשה די מויד, אַ שענקערין, „אַ יידענע פון אַ יאָר פופציק, אַ גראָבע, אין אַ שלייער פון דער אַלטער מאָדע מיט אַ געלער יאַמפּירקע און אַ קויטיק קליין שטערנטיכל". די דאָזיקע אַלטע מויד באַרגט בראַנפן די גויים, און דער אונטערן־טיש איז אָנגעשטאָפּט מיט משכנות, מיט שטיוול, פעלצן, פאָסטעלעס און אַנדערע הפצים, וואָס די שכורע גויים, פויערים און מעשטשאַנעס האָבן צונויפגעטראָגן און איבערגעלאָזט פאַר אַ גלעזל אָדער צוויי גלעזלעך בראַנפן.

מיר האָבן כמעט ווי אויסגעשעפּט דאָס גאַנצע יידיש וועלטל פון דער שטאָט ניבוואַלע. דער באַשריבענער מאַרק האָט באַ־שעפטיקט דעם גרעסטן טייל פון דער דעמאָלטיקער יידישער באַפעלקערונג אין ניבוואַלע. דאָ זיינען געווען, ווי מיר האָבן געזען, דריי קאַטעגאָריעס, דריי שיכטן: איין רייכער קרעמער, וואָס האָט געהאַט אַלע דריי געמויערטע קלייטן — דאָס איז גע־ווען אברהמל דער פוילישער, וואָס האָט אויך געהאַלטן די

שטאָט־אַרענדע און האָט געגעבן געלט אויף פּראָצענט. אין די הילצערנע קלייטן זיינען געזעסן די בעלי־בתּים קרעמער, וואָס האָבן געקויפט סחורה טיילווייז אין דער נאָנטער גרויסער שטאָט און מערסטנטיילס ביים נגיד פון די דריי געמויערטע קלייטן; און צולעצט גייט אַ גרויסע מענגע קליינינטשקע קרעמערלעך און זיצערקעס, וואָס פאַרקויפן זייער סחורה אויף טישלעך און בענקלעך, וואָס זייער קראָם האָט מערסטנטיילס באַטראָפן אַ שפּאָט־לעכערלעכע נישטיקע סומע, וואָס פלעגן מער שולדיק זיין אין די הורטאָווע קלייטן, ווי זייער סחורה איז ווערט געווען, וואָס פלעגן זיך מאַטערן און הונגערן און זיך מוטשען און פייניקן אַ סך ערגער און שווערער, ווי די אָרעמסטע פּויערים. צו די אויסגערעכנטע דאַרף מען נאָך צוגעבן די האָזן־סוחרים און די האָניק־הענדלער, די חזיר־האָר־אויפקויפערס און די פעל־סוחרים — דאָס איז געווען אַ גאַנץ גרויסע גרופּע אויפקויפערס פון די פאַרשיידנסטע דאָרף־פּראָדוקטן פאַר גרעסערע סוחרים, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט אָנפאָרן און צונויפנעמען די אָנגעזאַמלטע סחורות. די גרויסע קאַרפן־סוחרים, וואָס פלעגן האַנדלען גאַנץ ברייט מיט אויסלאַנד, פלעגן אויך אַרויסגעבן די קליינע אויפ־קויפערס — אין אמתן משרתים פון די גרויסע סוחרים — געלט אויף איינקויפן די דאָרפישע פּראָדוקטן. און נישט קיין קליינעם פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט אויסגעמאַכט די גרופּע שענקערס, וואָס האָבן אויך מערסטנטיילס, חוץ זייער ווייניקע אויסנאַמען, געפירט אַ שווער געמאַטערט לעבן און דערצו נאָך אַ מיאוס עקל־לעבן. און אחרון אחרון חביב — צום סוף קומען די כּלי־קודש, רבנים און דיינים, גבאים און גאָטס־סטראַפּטשעס, פאַרזאָרגערס פון עירובין און פון ר' מאיר־בעל־נס־פּושקעס און נאָך און נאָך אַזעלכע נויטיקע באַשעפענישן, אָן וועלכע די כּנסת־ישראל וואָלט גאָרנישט געהאַט נישט דעם פּנים און נישט דעם טעם און נישט דעם ריח.

אָט די אַלע אויסגערעכנטע שיכטן און גרופּעס האָבן פאַר־נומען דעם מ אַ ר ק פון יידישן לעבן, דעם ברייטן ש ל י אַ ך פון דעמאָלטיקן יידישן וועלט. זיי האָבן זיך געוואָרפן אין די

אויגן, זיי האָבן איבערפולט אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן. זיי זיינען געווען דער רוב פון יידישן פאָלק און ממילא אויך דער תמצית פון דעם דעמאָלטיקן יידישקייט. און אינטערעסאַנט אין ביידע דערמאָנטע ווערק פון אַקסענפעלדן, ווו ס'טרעטן אַרויס אַזוי פיל איינצלנע פאַרשוינען און אויך די גאַנצע „האָלאָטע", פעלן פונדעסטוועגן די בעלי־מלאכות. האָבן זיי דען נישט געהאַט קיין אינטערעס, למשל, פאַרן רעקרוטן־אוקאַז, וואָס האָט זיי אָנגעריירט, פאַרשטייט זיך, נישט ווייניקער און, ווי שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַ סך מער פון אַלע איבעריקע שיכטן? דאָס קאָן מען געוויס נישט באַהויפּטן. נאָר ווייזט אויס, דער בעל־מלאכה האָט פּשוט קיין העזה נישט געהאַט זיך מישן אין קהלישע ענינים בכלל און בפרט נאָך אין אַזאַ הויכן ענין, ווי אַן אוקאַז פון „קייזער יר"ה".

ווו־זשע קאָן מען פונדעסטוועגן פּאָרט טרעפן דעם בעל־מלאכה, חוץ ווי אין וואַרשטאַט ביי דער אַרבעט?

אין שענק!

אָט דאָרטן זיצן „עטלעכע אידן, טרינקען בראַנפן און פאַר־ביסן מיט שטיקלאַך ברויט". „אַ פּאָר אונגע איגגען האָבן אַ פּנים ווי שניידער, שוסטער און קירזנער" *). בשעת די קלייטניקעס און די קרעמער, די חלפנים און די האָזן־סוחרים, די שענקערס און די עירוב־יידן, די פּעל־הענדלער און פּושקעס־מיוחסים זיינען געלאָפן אָן אַן אָטעם צו מנחה אין בית־המדרש אַריין — אָט דאַמאָלט אָ זיינען די גראָבע יונגען, די עם־הארצים, די שטיף־קינדער פון די צאן־קדושים — די בעלי־מלאכות און די פּועלים — געזעסן אין שענק, האָבן גערעדט ניבול־פּה, האָבן געזונגען אַ פאָלקס־לידל, האָבן געמאַכט חוזק פון די מערידנדיקע יידן, האָבן אויסגעגאָסן זייער האַס און צאָרן אויף די פּרנס־חדשים און אויף זייערע מיטהעלפער און צום סוף אַ שווערן קרעכץ געטאָן אויפן ביטערן דלות און אויף דער שוואַרצער „דאָליע", וואָס זיי האָבן ביי די פאַסטוכער פונם הייליקן פאָלק ישראל.

*) „דער אידישער רעקרוט".

מיט די בעלי־מלאכות אין שענק האָט פאַרבראַכט אויך נחמן דער גרויסער, וועלכן מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט. נחמן באַרימט זיך, אַז די שענקערינס לייזן פון אים מזומן: „יאָ אַ ברכה, נישט אַ ברכה, צו גאָט נאָר אַ וואונק"; „צום דין גיי איך נישט פרעגן קיין שאלה". דע דאָזיקער ווילער יונג, דער מה־יעשהניק פון שטאָט, דערלויבט זיך אין ניביוואַלע צוריק מיט הונדערט יאָר ליב האָבן אַ יידיש מיידל און טאַקע ליב האָבן ביז גרייט זיין זיך מקריב זיין; און ליב קריגט ער, דער שלים־מזל, אַ מיידל אַ מיוחסת, אַ טאָכטער פון שטאָט־אַרענדאַר, פון פנחס דעם רויטן אַליין. נחמן האָט נישט קיין באַשטימטע באַשעפטיקונג; ער לעבט פריי ווי אַ פויגל; פאַרברענגט זיינע יאָרן אין די שענקען, רעדט אין גראַמען און מאַכט חוזק פון די רבנים, פון די נגידים, פון אַלע גאָטס־סטראַפּטשעס און פון אַלע גאָטס־פאָרכטיקע פרומע לייט, הערט קהל פאַר אַ גראָשן און זאָגט דעם ביטערן אמת דעם גרעסטן אין די אויגן. נחמן איז אַ טיפישער פאָרשטייער פון דער דעמאָלטיקער יידישער לומפּן־מאַסע.

אין דער דעמאָלטיקער יידישער געזעלשאַפט — צוריק אומגעפער מיט כמעט הונדערט יאָר — איז געווען אַ גרויסע מאַסע מענטשן אָן באַשטימטע באַשעפטיקונגען — אַ לומפּן־מאַסע, וואָס האָט פאַרפלייצט די יידישע קהלות מיט אָרעמע לייט און ליידיקגייערס, מיט שנאָרערס און בעטלערס און אויך מיט ווילדע יונגען און מה־יעשהניקעס. אַ גרויסער פּראָצענט פון דער דאָזיקער מאַסע זיינען געווען אַרויסגעיאָגטע און אַרויסגעוואָרפענע פון די דערפער. פון סאַמע אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט האָט די רוסישע רעגירונג אָנגעהויבן טרייבן יידן פון די דערפער, און הגם ס'האָט זיך דער רעגירונג נישט איינגעגעבן מאַכן די דערפער יידן־ריין, דאָך זיינען גענוג טויזנטער יידישע משפחות אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע אַלטע היימען און אַריינגעשלײַדערט געוואָרן אין די גענוג איבערפולטע שטעט און שטעטלעך. וואָרים אין די שטעט און שטעטלעך איז געווען די והותר קרעמערלעך, כּעקלערלעך און שענקערלעך. די דאָרפס־עלעמענטן,

וואָס זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן מיט געוואַלט אין די שטעט, זיינען געווען געצוווּנגען די ערשטע מאָסן־ווייז איבערצוגיין צו מלאכה און שפּעטער צו אַרבעט אין די פאַבריקן. די דאָזיקע דאָרפס־עלעמענטן זיינען אויך געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט.

די דאָזיקע מאַסע מענטשן אָן באַשעפטיקונגען האָט געגעבן זייער אַ סך בעטלערס, שנאָרערס, תהלים־זאָגערס און עירובין־מעסטערס און אַ סך שטענדיקע נשרפים, וואָס האָבן זיך אַרומגע־שלעפּט פון קהלה צו קהלה און האָבן געקליבן נדבות. די דאָזי־קע האָבן אונטערטעניק געטראָגן דעם יאָך פון זייער ביטערן גורל. ס'זיינען אָבער געווען צווישן זיי אויך געגנוג מה־יעשהני־קעס פון נחמנס שניט, וואָס האָבן מיט וואָרט און טאַט פּראָטע־סטירט קעגן דעם גאַנצן נוסח פון יידישן לעבן און באַזונדערס קעגן דער הערשנדיקער פּנופיא פון נגידים און כּלי־קודש. די פּנופיא זשע האָט, פאַרשטייט זיך, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, זיך נוקם געווען אין די דאָזיקע ווידערשפּעניקע און סורר ומו־רהניקעס. און אַזוי האָט אויך געטראָפן מיט נחמנען, הגם ער איז געווען אַ בן יחיד. נחמן ווערט געשמידט אין קייטן, ווערט אַרויפגעוואָרפן אויף אַ וואָגן און אָפּגעשיקט פאַר אַ רעקרוט פאַר דער גאַנצער שטאָט ניביוואַלע. די פּנופיא מיט דעם „איס־פּראַווניק" האָבן נאָר באַפוילן; די צוויי פּשוטע גויִישע סאָל־דאַטן און דער יידישער „לאָווטשי" ר' גבריאל שד האָבן געטאָן זייער רצון.

דער בעל־מלאכה איז געווען דאָס ש ט י ף ־ ק י נ ד פון דער דעמאָלטיקער כּנסת־ישראל. דער לומפּן־מענטש, בפרט נאָך דער לומפּן־מה־יעשהניק איז געווען איר כּ פּ ר ה ־ ה י נ ד ל. ביי־דע האָבן געטראָגן אויף זיך דעם עול פון דער פּנופיא פון די בעלי־טאַקסעס, קהלשע קאָכלעפל און כּלי־קודש. און זעלטן ווער פון זיי האָט אַפילו פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער אומגע־רעכטיקייט. צו פינסטער איז געווען די מאַסע, צו נידערגעשלאָגן און אָראָפּגעפאַלן ביי זיך. נחמן דער גרויסער איז געוויס געווען

פֿון אויכנעם און דעמאָלטיקע צייטן — ער האָט אָבער געטראָגן אין זיין אויסגעלאָזטן האַרצן די שנאה און האַס צו די כנוביאַליט פֿון דער גאַנצער פֿאַרשקלאַפֿטער יידישער מאַסע.

---

# ב י י ל אַ ג ע

## די כנופיא פון די בעלי־טאַקסעס; קהלישע קאָכלעפל און כלי־קודש און די אָרעמע מאַסן

### ר׳ יצחק בער לעווינזאָן: „די הפקר־וועלט“.

„די הפקר־וועלט“ איז געשריבן געוואָרן בערך צום סוף פון די דרייסיקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט. אַלס אַ מאָטאָ צו דער דראַמאַטישער סצענע נעמט ריב״ל דאָס גוייִשע ווערטל:

„באָך ווּיסאָקאָ,
פּאַן דאַלעקאָ“.

די העלדן זיינען ר׳ זרח און ר׳ פייטל, צוויי וואָלינער יידן, ווו דער הסידיזם האָט דעמאָלט שטאַרק געהערשט, און אַן אורח, וואָס איז געקומען פון רייסן, אַ ליטוואַק, ווו די רבנים האָבן איינגעהאַלטן זייער ווירקונג.

„ר׳ זרח: ווי איז דען ביי אייך אין רייסין מיט די פּעקל־מאַכערס?

אורח: ביי אונז האָבן די רבנים חרם געגעבן, מען זאָל גאָר נישט פּעקלען; דעם פּעקל־מאַכער נעמט דער רב מיט קהל און זיינען אים מוסר צו דער פּאָליציע, צי מיט פּעק צי אָן פּעק; מען גיט איין אײן אָביאַוויעניע, באַשר דער און דער איז איין עוכר ישראל. אונזערע רבנים האָבן נאָך געלערנט אין יורה דעה, אַז עס איז אַ גרויסע מצוה אַ פּעקל־מאַכער מוסר צו זיין צום מלכות, מען זאָל מיט אים פּאָסטאָפּאַיען פּאָ זאַקאָנו, ווייל ער

איז איין עוכר ישראל און איז גורם כלל ישראל פיל שלעכטס״.

ר׳ פייטל באַשולדיקט אין אַלץ די רביים. דער אורח דער ציילט, אַז נאָר אין וואָלין ווייסט מען פון צדיקים און מופתים, אַז אין ליטע אָבער און „אין ארץ ישראל, אין איטאַליע, אין אשכנז און נאָך אין כמה מדינות ווייסט מען גאָר נישט, וואָס איז עס רביים, וואָס עס איז אָנשטעלען״.

ר׳ פייטל גיט פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון די פאַסטוכער פונם פאָלק ישראל אין וואָלין:

„די פרנס־חדשים (זיינען — י. ל.) גנבים, רוצחים, לעבן זיך נאָר — זיי זאָלן רייך ווערן פון אָרימע לייט; אין דער אמת איז היינט געוואָרן ביי אונז זייער פיל אָרימע לייט, מען באַגזלט זיי, מען באַראַבאַוועט זיי טאָג און נאַכט״.

ס׳גייט אַוועק אַ שמועס וועגן קייזער זאָל מאַריך ימים זיין, (וואָס — י. ל.) „האָט אַזוי געטראַכט פאַר דעם יושר ביי רעקרוטן נעמען״, וועגן „קאַשע־געלט״ פאַר די סאָלדאַטן, וועגן „טורמע־געלט״.

„אורח: דער עושר, אַט אַפּנים, צאָלט גאָרנישט, ווי איך זע!

ר׳ זרח: עס פאַרשטייט זיך! מעל פירט ער זיך אַריין אָן טאַקסע, הייוון אָן טאַקסע, זאַלץ און איטלעכס פיצל — נאָר דער אביון צאָלט.

ר׳ פייטל: — פאַרגעסט נישט, אַז דער עושר האָט טאַקי אַליין אַ חלק אין די דאָזיקע טאַקסעס״.

ר׳ זרח דערציילט, ווי די דאָזיקע אַלע „ראַזבויניקעס״ שפּילן נאָך אַ פרומע ראָלע, פאָרן צו גוטע יידן; וואָס פאַרע עם הארצים די דאָזיקע הערשער זיינען, אַז „די גרעסטע היגע טויזנט רוחותניקעס קאָנען קיין רוסיש קוויטל נישט איבערלייענען, נישט אָן אַדרעס אויסשרייבן״. דער אורח וווּנדערט זיך, וואָס אַזעלכע לייט האָט זיך איינגעגעבן באַקומען אין די הענט די לייצעם פון קהל, און ר׳ פייטל ערקלערט אים, אַז זיי זיינען שטאַרק „נאָר מיט עזות, מיט חוצפה, מיט גנבהלאַך, המצאהלאַך,

קיין סוחרים איבער פעלד איז דאָך הי נישט דאָ, זייער ווייניק משונה, דריי אָדער פיר; די זיינען טאַקע אין דער אמת ערלעכע לייט און דערביי עשירים, ווייטער זיינען דאָך אַלע נגידים אָן געלט, מען לעבט נאָר פון דעם ווינט, אַ פּעקעלע, אַ קוויטעלע אויף אַ פּריץ, פון עפּעס אַ התמנותל, פּאַקטער-לשון און אַמאָל אַ מסירהלע הינטערווייליכצעס, דערביי פון די גנבהשע טאַקסעלאַך, עפּעס פון דער זייט אַ לעק אַ שמעק, קיין תוך איז אַלץ נישט דאָ". „ווער ס'איז נעבאַך אַן ערלעכער מאַן ליגט אין דער אדמה. וויפיל מיינט איר זיינען דען גאָר אָט די, וואָס בלישצען אין שטאָט? דרייסיק אָדער פערציק פּאַרשוין. דאָס איז דער פער! דער כלל, ווער עס קאָן זיין עפּעס אַ טוער אין שטאָט, דער לעבט דערפון; דער איבעריקער עולם האָרעווען, רייסן קריעה, פּאַרדינען נעבאַך מיט דעם ביטערן שווייס זייער גראָשן; וואָס העלפט עס, זיי מוזן האָרעווען אויף פרעמדע וייב און קינדער, זייער גאַנצע דאָברע מזל נעמען גייט אַריין אין די פּאַרשמאָ-דערטע נגידים: זיי זויגן אויס טאָג און נאַכט מיט נתינות, מיט די טאַקסעלאַך, מיט רעקרוטן-געלט, מיט אָקסן-געלט — השי"ת זאָל זייער רחמנות פאַר זיך נעמען."

---

די ציטאַטן, וואָס ווערן נידעריקער געבראַכט, זיינען גענו-מען פון צוויי ווערק פון י. אַקסענפעלדן: „קבצן-עושר-שפּיל", וואָס „האָט זיך געטראָפן אין דער שטאָט ניביוואַלע זומער בשנת תקע"ח און „דער ערשטער אידישער רעקרוט אין רוסלאַנד בשנת התקפו". ביידע זאַכן זיינען אַלזאָ פון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט.

אין „קבצן-עושר-שפּיל" דערציילט אַקסענפעלד, ווי אַ יידישער נגיד, וואָס האַלט די שטאָט-אַרענדע, איז אַ גרויסער קרעמער און גיט געלט אויף פּראָצענט, ווערט פּלוצים אַן אביון, אַ

יורד און פֿאַרלירט איבער דעם אויך די תּקיפֿות. זיין עשירות האָט זיך גענומען פֿון דעם, וואָס נאָכן טויט פֿון אַלטן פּריץ, מיט וועלכן ער האָט געהאַט אַ סך געשעפֿטן, האָט ער פֿאַרלייקנט דעם יונגן פּריץ דעם יורש אַ חוב פֿון הונדערט טויזנט גילדן. דער יונגער פּריץ געפֿינט אָבער נאָכדעם דעם נויטיקן פּאַפּיר מיטן גבירס חתימה — און דער אויפֿגעבלאָזענער יידישער גביר־תּקיף פֿאַלט אין שאול תּחתּיה אַריין.

אינם „ערשטן אידישן רעקרוט“ דערציילט אַקסענפֿעלד, וואָס פֿאַר אַ געוואַלטיקן רושם דער רעקרוטן־אוקאַז האָט געמאַכט אויפֿן פּשוטן יידישן המון; ווי, פֿאַרקערט, די רייכע עלעמענטן האָבן אויפֿגענומען די גזרה, ווי אַ ישועה אויף יידן און ווי דעם שטאָט־נגיד גיט זיך איין דורך פֿאַרשיידענע פֿאַלשקייטן און איבערשפּיצלעך אָפּגעבן פֿאַר אַ סאָלדאַט אַ בן־יחיד, אַ יתום אָן אַ פֿאָטער, נאָר „אַ מה־יעשהניק אַ צרה, אַ שיינער קלוגער יונג, אַפֿילו מיט מעלות, נאָר נישט קיין לייט“. נחמן דער גרויסער, דער בן־יחיד, וואָס שטעלט זיך אַליין פֿאַר אַ רעקרוט, הגם לויטן געזעץ איז ער גאָר פּטור פֿון דער דאָזיקער פֿליכט, האָט שטאַרק ליב פּרימעלען, פּנחס דעם רויטנס בת־יחידקעלע, און איז גרייט אויף די גרעסטע קרבנות, אַבי באַקומען דאָס מיידל פֿאַר אַ כּלה. אָט דאָס דאָזיקע געפֿיל נוצט אויס דער שטאָט־נגיד און פֿאַרנאַרט נחמנען אין זאַק אַריין — ער ווערט געשמידט אין קייטן און אָפּגעשיקט פֿאַר אַ רעקרוט.

# דער מאַרק אין דער שטאָט ניביוואַלע

„אין מיטן רינג זיינען דאָ דריי געמויערטע קלייטן, דערביי צוויי גאַנץ לאַנגע שורות הילצערנע קלייטן מיט לאָדנס. אַ דאַך גייט אין דער לענג אויף אַלע; דער דאַך איז פון רויטע אָפּגעפאַרבטע ברעטער. העכער אַרויף איז דער קלאָץ, וואָס מאַרק-טאָג שטייען דאָ אַרום און אַרום פורן מיט תבואות צו פאַרקויפן. צווישן דעם קלאָץ און די קלייטן שטייען ווייבער און אידן מיט שטעלעכער און מיט בענקלעך. אין די שטעלעכער פאַר-קויפט מען שטריקלעך, קרעמיניס, היפּקע, פּאָדים, ציצית, פּלעצ-לעך, סמאָלע, גויאישע קאַפּטערס, פּאַצירקעס, נאָדלען, בעקעלעך, צעפּלעגעס, גויאישע קניפּקעלעך, נאָלן, שימיניס, און קנוילן פּאָ-דים צו דראַטווערס, שטעלעכער צו שלאָגן פייער, פעפער און בשמים, וואָס מען פאַרקויפט פאַר אַ קאָפּיקע אָדער פאַר אַ גראָשן. אויף די בענקלעך שטייען מולטערס מיט בייגל, מיט פּלעצלעך, מיט זעמל, מיט ברויט און מיט ברויטלעך; אַ טייל מיט זאַלץ, מיט גרויפּן, מיט הירזש, מיט אויסגעזאָטענעם אַרבעס, מיט דאַרע באַרלעך און עפּעלעך, מיט קנאָבל און מיט ציבעלעס. גויאישע זיצערקעס זיצן אויף דער ערד נעבן זיי, וואָס פאַרקויפן טרייפענע קנישעס, גויאישע ברויט און געקאָכטע דרעליס; די גויעס טרייבן מיט שטעקנס אַוועק די חזירים, וואָס ווילן כאַפּן; די יידענעס טרייבן אַוועק די ציגן מיט די קעלבלעך, וואָס גייען אַרום צווישן די זיצערקע, קעמען די קינדער טאַקע דאָ אין מיטן מאַרק; אַ טייל קריגן זיך און זידלען איינע די אַנדערע מיט אַ געשריי, מיט שעלטעריי, אַז מען הערט צווישן די קלייטן.“

# אַ יידישע שענק אין די דרייסיקער יאָרן פון ניינצענטן יאָרהונדערט *)

„אַ גרויסע שטוב פין גיוואַשינע ברעטיר די ווענט, נאָר קיין מאָהל ניט גיוואַשין, איין זעהר אַלטע שטיב — די סטעלי איז אויך אַזוי פין גיוואַשינע ברעטיר, נאָר פין אַלטקייט פינצטער; די ערד איז אַמאָל גיוועזין גיבריקורט זענין עטליכע ברעטער אויסגיפוילט אין עטליכע געהן אָפּ גאָר; אַרים די ווענט זענין לאַנגע בענק טאַקע אַריין גיבויט; אַ טיש שטייט אַ לאַנגער אַ שוואַרצער אַ דעמבינער! אַף 1 אָרט איז ער ציבראָכין, ליגט אַ ברעטיל אַף דעם לאָך, דער שטלאַין פין דעם טיש איז פיל מיט בלאָטע אין מיסט אַהין פאַרקעהרט; די פענצטער זענין קליינע אין פין קאַליכדיקע שאַבליך; פין דער מיטן סטעלי הענגט איין אייזינער הענגלייכטער אַף אַ שטריקיל; דרינין זענין 2 אייזערנע רעהרליך אַריין צי שטעלין לעכט; אַ חוץ איז איבער די טירין דריי רעהרליך אייזרנע אַריין גישלאָגין אין דער וואַנט; אין דער וואַנט, וואָס געהט אין הויז אַריין, איז אַ שאַפּע ביי דער וואַנט, אַהילצערנע, נאָר זעהר אַלט; די טירין פין דער שאַפּע זענין אָפּ גיבראָכין; דרינין שטעהן טעפּ אין צינערנע טעליר, איונגילס יאַרמיקע מיט שעך, אין אַ פּאָר נייע גויאישע שטיויל פר זעצטע, תחנת ציוואָרפינע אין אַ סך שמאַטקילין. ביי דער אַנדרער טיר וואָס גייט אין אַקעך — אַלקיר אַריין, שטעהט אַבעט מיט דריי קישינס, לייווינטינע, קויטיקע, אין פין קלאַנטשאַסטע פיסטרע איין

*) אין דער דאָזיקער ציטאַטע איז די אָרטאָגראַפיע אָקסענפּעלדס.

איבּר בּעט פר בּעט; איבּערן בּעט אין דער וואַנט זענין טשווע=
קיס אַריין גישלאָגין, דרוף העגגט אײַפּע מיט אַ פּיקסל בּאַבּרעמט,
אַשטיקיל אַפּיקומן אין בּינטליך קרייטיכץ; נעבּן דעם שטעהט
אַ גרויסער קאַסטין, אַ לאַנגער, אַ בּרייטער אָן רעדער, מיט
אַהענגל שלאָס פר שלאָסין; דרוף איז אָן גיוואָרפין זעק אין
פּעלצליך אַלטע אין פּאָסטוליס פין גוים; בּיי דער וואַנט, וואָס
די טיר איז אַרויס אין גאַס אַריין, איז אינם פענצטער טאַקע
גימאַכט פּאָליצקיליך, וואָס דאָ שטעהט גרויסע לאַנגע גלעזער צי
בּיר אָדער צי מעד, קעלישיקליך אין גלעזליך צי בּראַנפן, אין
אַבּינט שליסיל ליגט אויך דאָרט, דער בּיי שטעהט אַ שענק טי=
שיל אָן גישטעלט מיט בּיטליס בּראָנפּין. אַרים דעם אָרט זענין אַף
די ווענט אָן גישריבּין מיט קרייד רינגליך שטרעכיליך אָפּ׳גיטיילט
אָן גישריבּין מיט גרויסע שטרעכין די טיר, וואָס געהט אַרויס,
מאַכט זיך צי נאָר אָף אַפלאָקען, וואָס מע שפּייט אָן זאָל זיך
האַלטן, וואָרין פאַר אַלטקייט איז די פּעדרשטע וואַנט איינגיבּוי=
גין; — עפינט זיך אַלץ די טיר. דאָ פר דעם שענק שטעהט ליפּ׳ה
די מויד, אַ יודנע פון אַ יאָהר 50, אַגראָבּע, אין אַשלייער פון
דער אַלטער מאָדע מיט אַ געליר יאַמפּירקע אין אַקויטיק שטע=
רינטיכיל, אַ שוואַרץ פּנים אַגישטיפּילטס, אַפּעטס מיט אַבּראָדיוועקע
אַף דער בּאַק, וואָס וואַקסט דרויף גראָהע האָר, אַמויל מיט זעהר
גרויסע ציין, אין אַקורץ יופּקילע צי גיגאַרטילט מיט אַהאַנדטיך,
אין אַשטיקיל ציצין בּריסטיך שטעקט אַרויס; אַקלייד פון בּלאָהן
קיטיי זעהט מען הינטין אַרויס, מיט אַפּאָר גרויסע קעשינים פין
פּיסטרע, אָן אַפּאַרטיך; אַפּאָר זאָקין מיט פּאַנטאָפיל, גראָבּע,
גוישע; אַמויד אַגראָבּע, מיט ציפּאַטילטע האָר אָפּ גיריסין אין
האַלבּ בּאָרוויס, זעהר אַמאוסה, דרעהט זעך אַרים אין שטיבּ אין
דער לאַנגט ליפשהן אַהילצערנים טעליר מיט אָנגישניטינע שטיק=
ליך בּרויט אין זאַלץ. עטליכע הילצערנע דעמבּרינע בּענקליך אַף
3 פּיס שטעהן פאַר דעם טיש, עטליכע שיכּרע גוים זיצין אין איין
עק טיש, אַף דער בּאַנק, וואָס בּיי דער וואַנט, וואָס קאָנין שוין
ניט רעדין, נאָר אַלע מאָהל אַהיק הערט מען, נעבּין זיי שטעהן
פלעשליך מיט בּראָנפּין אין קעלישיקליך; עטליכע יודין קימין

אַריין טרינקין בראָנפין אין פר בייסין מיט שטיקליך ברויט, אין בלייבין שטעהן אַביסיל. אַפאָר יונגע יונגין האָבין אַפּנים וויא שניידירס אין שיסטערס אין קירזנערס, זיצין אַף די בענק־ליך; צישין זיי זיצט נחמן דער גרויסער, אַיונגער יונג פין 21 אָדער 22 יאָהר, זעהר אַשענר יונג, גרויס גיוואַקסין, האָט נאָך קיין חתימת זקן נישט, אַווייס פנים מיט רויטע באַקין אין שוואַר־צע אויגין, אַקליין מויל מיט חן־גריבילעך ביי דעם מויל, די פּיאות זענין שוואַרצע גיקרייזילטע, נאָר פיל מיט פעדרן, אין אַקאַפּלישיל איין אַלטס, אַצעבראָכינס, אַקורצין ברישילאַק, אַצע־ריסינים, אַגילאַטעטין פין אַלערליי מינים לאַטיס; פיסטרנע פלי־דירין, אויך צעריסינע, נאָר זעהר לאַנגע ביז אין די שיך אַריין; די שיך זענין אויך צעריסין; ער האָט אַפּנים שוין אַטרינק גי־טיהן, אין איז פרעהליך.

## דער לעבנס=שטייגער פון אַ יידישן נגיד אין די דריי=
## סיקער יאָרן פון ניינצענטן יאָרהונדערט *)

„אַהייפיל ניט ווייט פינים פּאַלאַץ, ווי דער שר דער גראַף
ניביוואַלסקי אַליין זיצט, פין פּאָרינט איז שטראַכעטין. פין פּריי=
טיס שען אין גידעכט גיפּלאָכטין, אַטויער אין אַקליין טירילע.
ווייט אין בּרייט איז דער ליידיקער פּלאַץ אין הויף. אַף 1 זייט
ליגט גיהאַקט האָלץ אין שטעהן וועגין, וואָס מעפיהרט היי, אַ טע=
ליגע מיט אַ פּאַס וואַסער; אַף דער אַנדערער זייט זענין סטאַניס
אַף פּערד אין אַף קאַריטיס אַריין צי שטעלין, אַלץ מיט טוירין.
טיף אַריין איז אַשען גיבּיי מיט אַ שינדלינעם דאַך, מיט אַ סך
פענצטער. פאַר די פענצטער איז אַגאָרטינדיל מיט צאַצקיס גיזעצט
אין בּייטין אין אַ טייל אין וואַזאָניס, זעהר שען. אַקליין פּידאַשי=
קיל מיט גיטאָקטע פר לייבּין אונטער אַ דעכילע, בּענקליך היל=
צערנע, גיבּויטע, לאַנגע בּיי די זייטין; דער נאָך קימט מען פין
דעם פּידאַשיקיל אַריין אין אַ הייזיל; פינים הייזיל איז אַ טיר
אין אַגרויסער סאַלי אַריין; זעהר שען גימאָלטע ווענט מיט
אַ סטעלי; די בּרעטער, וואָס איז אויס גיבּריקירט, זענין ריין אָפּ
גיוואַשין. דאָ שטעהן בּענקליך איבּערגיצויגין מיט ציץ, אַגרויסער
קאַליכדיקר טיש, אַזייגר הענגט אַף דער וואַנט; אין אַף איטליכר
וואַנט איז אַשפּיגיל; קליינע טישליך שטעהן נעבּין איטליכין שפּי=
גיל. פאַר די פענצטער זענין ציצינע פירהאַנגין, אַזאַ ציץ, ווי די

---

*) די אָרטאָגראַפיע פון דער דאָזיקער ציטאַטע איז עקסטענפּעלדס.

בענקליך. דאָ שפּילן זעך 2 קליינע שענע מיידליך; אַ גאַנקע אַ שיקסע, מיט אַ סך פּאַצירקיס גיט אַכטינג אַף די קינדער; אַקעגין דער טיר אין דער אַנדערער שטיב אַריין הענגט א גאַנץ גרויסער שפּיגיל, אין נאָך פּאָקאָיס אין פּאָקאָיס. דאָ צי די קינדער קימט פין די פּאָקאָיס אַרויס פּערילע, זעהר אַ שענע, הויך געוויקסיק, אין אַ גרויס שטערינטיכיל, אַף דעם ווייסין האַלז 1 שניר זייער גרויסע אָרליאַנסקי פּעריל, אָן גיטיהן אין אַזיידין שלאָף רעקיל אַבלאָהס, די פינגיר פין די ווייסע הענט מיט גיטע דימיטינע פינגערליך; זי האָט אַפּנים פין אַ יאָהר 28 ביז 30 ניט מעהר, זי געהט צי צי די קינדערליך אין קישט זיי; די יונגסטע יוטהניאָ הענגט זעך אָן אין איהר, זי נעמט דאָס קינד אַף דער האַנד אין זעצט זעך נעבין אַפּענצטער מיט אַביכיל אין די הענד לעינין. באַלד דרויף קימט אַריין ר' אהרן קליגר (ניט הויך גיוואַקסין, אַזוי ווי פין 36 יאָר, אַ שען שוואַרץ בערדיל אין קליינע שוואַרצע פּיאליך, אַ שען גיזינד פּנים, אַ ווייס מיט רויטע באַקין אַ לאַנגע שפּיציקע נאָז; 2 זעהר קלוגע שוואַרצע אויגין; אין אַשוואַרץ ראָצימאַרענער קאַפּאָטע, מיט זיידינוואַרג אינטער גישלאָגין; געלע נענקינע הויזין, מיט שטיוויל גלאַנצינדיקע; אין אַ זילעט מיט אַ ווייס האַלזטיכיל מיט אַ זייגיריל זעהט מען, ווייל די קאַפּאָטע איז אָפין; אין אַשוואַרצער רענע יאַרמיקע. וויא ער קימט אַריין, לויפט דאָס עלטרע מיידילע צי איהם צי, ער קישט זעך מיטן קינד אין זעצט זי אַף אַבענקיל אַנידער נעבין זעך, ביידע זיצין נעבין פּעריילין.“

## אַ שטוב פון אַ מיטעלן יידישן בעל־הבית אין די דרייסיקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט

„אין עק פון דער גאַס צום מאַרק צו איז אַ נייַ הויפל 4 עקיכיק, מיט אַ דאַך פון נייַע שינדלען. פון דער גאַס גייט מען אויף 2 טרעפּלעך אַריין אין הייזל. די פענסטער זייַנען דריי אויף

איין זייט פון די טרעפּלעך און צוויי אויף דער אַנדערער העלפט. דער בעל־הבית ר׳ פּנחס דער רויטער איז שוין אַוועקגעגאַנגען פון דער היים צו ר׳ אהרן בעל מחשבה; ציפּרה (זיין ווייב — י. ל.) שלאָפט נאָך, ווייל זי איז שלאַף. אין דער גרויסער שטוב פון די דריי פענסטער שטייט אַ קאַנאַפּע און בענקלעך מיט ציץ איבערגעצויגן, אַ קאָמאָדע; אויף דער קאָמאָדע שטייען עטלעכע פּאָר זילבערנע לייכטער, אַ שקאַטולקע און אַ פּאָר ספרים. אויף די ווענט הענגען קאַרטינעס עטלעכע און קליינע שפּיגעלעך, איבער דער טיר, וואָס גייט אין שלאָף־חדר אַריין, איז אַזוי ווי איין איינגעמויערטע שאַפקעלע מיט אַ גלעזערן טירל; דרינען שטייען שאָלן און אַ טשײַניק, גלעזלעך און פלעשלעך געשליפענע. צו דער אַנדערער טיר צו, וואָס גייט אין הייזל אַריין, איז אַ קאָמין אויך מיט צוויי פּאָליצעס; די אויבערשטע איז פול מיט ספרים; די אַנדערע איז מיט פלעשלעך פון רפואות, עטלעכע פּאָר גאָפּל און מעסער ביינערנע, אַ וועקשטיין, אַ קעמל, אַ שטרויען בערשטל און אַ שפּיגעלע: וואָס ליגט זיך צונויף אין אַ פּאַפּירן רויט פידעלע; אין מיט שטוב שטייט אַ קיילעכדיקער טיש אַ הילצערנער, אַ פּראָסטער; דרויף שטייען גלעזער מיט אָפּגעטרונקענעם טיי, אַ טינטאָרין מיט פּענעס און פּאַפּיר; אונטערן טיש שטייט אַ סאַמאָוואַר אַ קופּערנער. דאָס איינע פענסטער, וואָס איז אָפן, ביי דעם פענסטער זיצט חאנצי (ווערלוויל גיליוואַטעס ווייב, אַ שדכנטע אין שטאָט — י. ל.), נעבן איר אַקעגן איבער אויף אַ בענקל זיצט פרימהלע (פּנחס דעם רויטנס בת יחידה — י. ל.), אַ מיידל פון 16 יאָר, הויך געוויקסיק און פעט, זייער שיין, מיט רויטלעכע האָר ווי גאָלד, אַ ווייס שיין פּנים אַ קיילעכיקס; מיט רויטע בעקלעך, 2 גרויע אויגן זייער קלוגע, אַ קליין מיילעכל מיט 2 רויטע ליפּן, אַ בערדעלע מיט אַ חן־גריבעלע, די האָר פיין געפלאָכטן אין 2 צעפּ, אַ שלאָף רעקל אַ ציצנס זייער מאָדנע גענייט, שיך און זעקלעך ריין און ווייס. די הענט זיינען אויך זייער שיין און ריין. זי אַרבעט אַ זאָק און הערט וואָס חאַנצי דערציילט".

---

## ווי אַזוי אהרן קליגע״, דער גרעסטער עושר אין ניביוואַלע, וואָס האַנדלט מיט אָקסן קיין וואַרשע, און פנחס דער רויטער, וואָס האַלט די שטאָט=אַרענדע, שאַצן אָפּ די גזרה פון נעמען רעקרוטן ביי יידן

„אהרן: — ניין, פערעלע, די זאַך מוז מען אַנדערש פאַרשטיין. אונזער קייזער יר״ה, ווי איך מיין, ווייל אין זיין מדינה אַלע אומות, וואָס ווינען אין זיין אימפעריע, גלייך מאַכן, און איטלעכער זאָל גלייך אַ רעכט האָבן צו ווינען אָדער צו האַנדלען אומעטום, נישט אַזוי ווי ביז אַהער איז געווען, אַז אין 15 גובערניעס נאָר האָבן יידן געמעגט ווינען און האַנדלען. פאַרשטייט זיך, אַז דער וואָס וויל אַ גלייכע רעכט האָבן, ווי יענער, מוז נושא בעול המדינה זיין, גלייך ווי יענער. היינט געבן יידן אָבער נישט קיין רעקרוטן, דעריבער הייסט דער קייזער, אַז יידן זאָלן אויך געבן רעקרוטן, וועט שוין אַ רעכט זיין, אַז זיי זאָלן מעגן גלייך מיט יענע אומעטום ווינען און אומעטום האַנדלען. אַז דו קויפסט דיר אַ שטאָט אין שול, צאָלסט דו פריער געלט, דענסטמאָל האָסטו אַ רעכט צו זיצן און צו שטיין אויף דיין שטאָט. מיר דאַרפן און מוזן גלויבן אונזער קייזער יר״ה, אַז דורך דעם, וואָס יידן וועלן געבן רעקרוטן, וועט ער זיי גלייך מיט אַלע געבן אַ פּראָווע צו האַנדלען און צו ווינען אומעטום“.

„פנחס: — הערט רבותים, איך בין פון אַ קליין שטעטל, פון טעטיעוו; נאָר אַז מיין טאַטע האָט געלעבט און איך בין יונגער געווען, האָב איך די גאַנצע יאָרן אין בערדיטשעוו מיך

געריבן צווישן די גרעסטע לייט, און האָב מיך אויסגעלערנט רוסיש און יידיש שרייבן און לייענען. איך האָב מיך גענוג אָנגעהערט צווישן די בראָדער און צווישן אַנדערע מענטשן, וואָס זיינען געגיט און וואָס זיינען געווען אויף דער וועלט אין אַנדערע מדינות, אַ חוץ אין פעטערבאַרג און אין מאָסקווע. מיר יידלעך אין קליינע שטעטלעך קאָנען נעבעך גאָרנישט און ווייסן גאָרנישט. דעריבער מעג איך אייך זאָגן, אַז איר פאַרשטייט דאָ נישט וואָס דאָ איז. מיר מיינען דאָס איז אַ גזרה, אַנדערע גרעסטע לייט זאָגן, אַז דער קייזער האָט יידן דערמיט א חסד געטאָן, כדי יידן זאָלן דערמיט האָבן גלייכע רעכט און אַ חזקה אין דער מדינה. יידן זאָלן נישט זיין ווי גרים אין דער מדינה. מיר ווייסן לעת-עתה נאָך ניט וואָס דערפון וועט ווערן, נאָר סיי ווי סיי טאָרן מיר ניט זיין אַקעגן רצון הקייזער יר״ה. אונזער דין-תורה זאָגט אונז, אַז דינא דמלכותא דינא — אויף פראָסט יידיש הייסט דאָס, אַז וואָס דער קייזער יר״ה הייסט, מוז מען אַקוראַט אַזוי פאָלגן ווי אַנדערע מצות, וואָס שטייען אין דער תורה״.

---

## צו דער כאראַקטעריסטיק פון נחמן דעם גרויסן, — „אַ מה-יעשהניק, אַ צרה, אַ שיינער קלוגער יונג, אפילו מיט מעלות, נאָר נישט קיין לייט״

נחמן דער גרויסער רעדט אין גראַמען און אין די דאָזיקע גראַמען לאָזט ער אויס זיין שווער האַרץ צו די פרנס-חדשים, צו די גבירים און נגידים, צו די רבנים און דינים און צו אַלע צבועקעס און פרומאקעס, וואָס נאַרן דעם אָרעמען פינסטערן עולם.*)

„טאַקע נאָר נחמן איז אַ וואָילער יונג,
מיט הענט און פיס, קאָפ אין צינג,
וואָס האָב איך גיטער נחמן צי זאָרגין,
אַבי מיר נחמן היינט אין מאָרגין,

*) די אָרטאָגראַפיע פון דער דאָזיקער ציטאַטע איז אַקסענפעלדס.

לאָזין די נגידים די עשירים זאָרגין,
וואָס קענען געלט לייען אָדער באָרגין,
נחמנין לייעט מען נישט אַפילו אַ מעסר
דאָס איז פאַר מיר אַפילו בעסיר,
אַז איך נחמן בין ניט שולדיק קיינים,
איז מיין ביסיל אָרימקייט תמיד אין איינים,
טאַקע נאָר נחמן איז אַ וואָילער יונג,
מיט הענט און פיס קאָפּ אין צינג.

— — — — — — — — — — — — — —

„פרימעלע איז אַ שען מיידיל און איך האָב זי ליב,
אין דער פאָטער לאָזט מיך ניט אַריין אין שטיב,
אָבער אַף דער גאַס קיק איך זיא אָן
און זיא קוקט אַף מיר וויא די הין אַף דעם האָן,
אַ מאָהל לויף איך צי אין גיב אַ גלעט,
וואָס זי לויפט אַוועק, דאָס איז ניט קיין גט.
אַ רב מיט אַ רביצין דערקין זעך אויך,
די רביצין איז פּאַסקידנע אין וויא אַ דראָנג הויך.

— — — — — — — — — — — — — —

„דער ווייל אַז איך געה אַפילו אַזוי,
שמיס איך מיט אַ פריץ ווי מיט אַ פּראָסטין גוי
אין אַז דער פריץ טרייבט מיך אַוועק,
לויף איך אַוועק אין שפּיי אויס קלעק.

— — — — — — — — — — — — — —

„הירש ליב נאַר דעם פרנס=חודש זין,
וואָס די גאַנצע שטאָט האָט מיט איהם ציטיהן,
האָט קיינר ניט דאָקאַזיט מיטין קניאַק,
נאָר נחמן האָט אים אַריין גינאַרט אין זאַק,
איך לאַך אויס זיין טאַטין שלמה פּסאַיאָכע,
אין לאַך אויס זיין מאַמע די פּאַסקידנע ברכה,
וועלוויל גילייוואַטיס למשל איז ביי מיר ניט קיין תורה
פר מיין פּאַטש האָט ער טאַקע מורא,
אָבער האנצי זיין ווייב האַלט תמיד מיט מיר,

ווייל זי איז קליג אין גיט אָן אַ שיער,
אין אַז נחמן וויל די גאַנצע שטאָט דער שרעקין,
געהט ער פסח אַרים צי סליחות וועקין,
ציביה כאַפט זעך אַרויס נאַקיט אין שעלט,
אין איך האָב איר די צינג אַרויס גישטעלט,
פון נחמנס אָנשטעל לאַכין אַלע,
אין ווילן מיר פאָרט ניט גיבן פרימהלין פר אַ כלה
איהר וועט נאָך מיינער פטור ווערין,
ביז איך וועל אייך האָרע קאָרנים איבר קעהרין.

— — — — — — — — — — — — — —

אַנאָמין האָט נחמן אַ גיטן אַ שענים,
נחמן דער גרויסער הערט נישט קיינעם,
ביי מיר איז אַלט אין יונג אָרים אין רייך,
אַ למדן אין איין עם הארץ אַלץ גלייך,
ביי מיר איז ניט חשוב קיין שום מעלה,
אין צים דין געה איך ניט פרעגין קיין שאלה,
דעם גרעסטין קאָן איך מיט דער בלאָטע אויסמישין
אין איינער, וואָס מאַכט חן, הייס איך איהם קישין

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

„אָט געה איך מיר אַף פרימהלין גיבן אַ קיק,
דאָס איז ביי מיר דאָס גרעסטע גליק,
פרימהלע, אַ כפרה זאָל איך ווערן פר דיין פיס,
די ביסט שען, די ביסט קליג, די ביסט זיס,
נאָר איך נחמן בין אָבער אויך ניט מאוס,
טאַקע נאָר נחמן איז אַ וואָילער יונג,
מיט הענט אין פיס קאָפ אין צינג“.

———————

# אינהאלט


הקדמה . . . . . . . . . . . . . . . . . 5

סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער אַרײַנפֿיר". . . . . . . . . 9

דרײַ תּקופֿות אין דער ייִדישער ליטעראַטור . . . . . . . 18

די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע בײַ ייִדן אין דער 1-טער העלפֿט פֿון 19־טן יאָרהונדערט 25

נגידים און קבצנים אין ריב"לס „הפֿקר־וועלט" . . . . . . 30

דער ייִדישער נגיד און דער ייִדישער בעל הבית בײַ אַקסנפֿעלדן . 33

די ייִדישע „האָלאָטע" און דער ייִדישער בעל מלאכה בײַ אַקסנפֿעלדן 41

בײַלאַגע . . . . . . . . . . . . . . . . . 48